STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03369

www.libtool.com.cn

# VOS IZ AZOYNS DI HISTADRUT?

Ts. Rozenshtain

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

www.libtool.com.cn

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

www.libtool.com.cn

צ. ראזענשטיין

# וואס איז אזוינס - די הסתדרות?

ארויסגעגעבן דורך
הועד הפועל של ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ־ישראל
מחלקת „החלוץ"

1947 תל־אביב תש"ז

www.libtool.com.cn

דפוס קואופרטיבי „אחדות" בע"מ, תל־אביב

www.libtool.com.cn

**
*

דאָס דאָזיקע העפט איז דאָס ערשטע אין דער סעריע פון העפטן אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „פאַרן החלוץ״, וואָס די מחלקת „החלוץ״ ביים ועד הפועל פון דער הסתדרות הויבט אָן רעגלמעסיק אַרויסצוגעבן.

עס וועלן זיין בעיקר איבערזעצונגען פון פאַרשידענע העפטן, וועלכע ווערן אַרויסגעגעבן אין א״י דורך דער הסתדרות.

מיר האָפן, אַז די דאָזיקע סעריע „פאַרן החלוץ״ וועט דערלייכטערן די אויפקלערונגס־אַרבעט פונם „החלוץ״ אין אייראָפּע.

**מחלקת „החלוץ״**

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

I.

# דאס וועזן פון דער הסתדרות

די הסתדרות העובדים הכללית, די אַלגעמיינע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל, איז אַן אייגנאַרטיקע ערשיינונג אין דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט ניט איר גלייכן אין לעבן פון אַנדערע פעלקער. ווייל מען ריכטיק פארשטיין די הסתדרות, דאַרף מען קודם־כל תופס זיין, אין וואָס באַשטימט אָט איר אייגנאַרטיקער, ספּעציפישער כאַראַקטער.

ביי די אומות העולם זיינען די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אַנטשטאַנען אויפן באָדן פון דעם עקזיסטירנדן אַרבעטער־קלאַס. פריער איז אַנטשטאַנען דער אַרבעטער־קלאַס אַדאַנק דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון לאַנד, און שפּעטער האָבן זיך אויסגעבילדעט זיינע אָרגאַניזאַציעס, פּראָפעסיאָנעלע און פּאָליטישע. אַזוי איז געווען אין ענגלאַנד, אזוי איז געווען אין רוסלאַנד, פראַנקרייך און אין אַלע אַנדערע לענדער. די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן ניט געדאַרפט זאָרגן פאַרן עצם שאַפן דעם אַרבעטער־קלאַס און פאַר זיין וווקס. ווייל ער איז געוואַקסן פון זיך אַליין, מיטן כוח פון דער קאפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג פון לאַנד, אַדאַנק דער פּראָלעטאַריזירונג פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, פון די פויערן און קליינבירגער. די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן אויך ניט געדאַרפט זאָרגן פאַר בויען ווירטשאַפטן, כדי צו באַשעפטיקן אין זיי די אַרבעטער. די ווירטשאַפטן זיינען אַנטשטאַנען אַדאַנק דער איניציאַטיוו און אונטערנעמונגס־גייסט פון די אָרטיקע קאַפּיטאַליסטן.

www.libtool.com.cn

אַנדערש איז געווען אין א״י. די פּיאָנערן פון דער צווייטער עליה, וועלכע זיינען אָנעקומען קיין א״י מיט 40 יאָר צוריק מיטן פעסטן ווילן צו זיין אַרבעטער, האָבן ניט געפונען אין לאַנד קיין ווירטשאפט, וואָס זאָל זיי אויפנעמען. די ווייניקע אַרבעטס־פּאָזיציעס אין דער יידישער ווירטשאַפט, הויפּטזעכלעך אין דער מושבה, האָבן זיך געפונען אונטער אַ געוואַלדיקן דרוק פון ביליקער אַראַבישער אַרבעט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז פאַר אַ יידישן אַרבעטער איז ניטאָ קיין פּלאַץ אין א״י. האָבן טאַקע אַסך פון דער צווייטער עליה פאַרלאָזן דאָס לאַנד. אָבער די וואָס האָבן זיך פאַרעקשנט צו פאַרבלייבן אין א״י, און ניט סתם פאַרבלייבן, נאָר לעבן אַלס יידישע אַרבעטער, האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי קענען זיך ניט פאַרלאָזן אויפן יידישן באַלעבאָס אין א״י, נאָר זיי מוזן אַליין זאָרגן פאַר בויען אַזאַ ווירטשאַפט וואָס זאָל זיין פעהיק זיי אויפצונעמען, און וואו דער אַרבעטער זאָל קענען שטיין אין זיין אייגענער רשות. אַזוי איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק פון דער אייגענער אַרבעטער־ווירטשאַפט אין א״י.

אָט פון יענע טעג ביזן היינטיקן טאָג גייען דורך, ווי אַ רויטער שנור, אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין א״י — די אומאויפהערלעכע אָנשטרענגונגען פאַרן עצם איינוואָרצלען דעם יידישן אַרבעטער־עלעמענט אין א״י און פאַר זיין כסדרדיקן וווּקס. איז דעריבער די נשמה פון דער הסת־דרות — די עליה און די זאָרג פאַרן אופנעמען די נייע עולים אין א״י, די זאָרג פאַר די, וועלכע דאַרפן ערשט אָנקומען אין לאַנד און פאַר וועלכע עס דאַרפן געשאַפן ווערן אַרבעטס־פּלעצער. ווייל עס איז ניט גענוג צו ברייגען דעם נייעם עולה, מען דאַרף אויך ערמעג־לעכן אים זיך איינוואָרצלען אין לאַנד. און דעריבער — כסדרדיקע אָנשטרענגונגען פון דער הסתדרות כדי צו פאַרברייטערן די עקאָ־נאָמישע אויפנאַמסמעגלעכקייטן אין א״י, ערשאָבערן נייע אַרבעטס־צווייגן און שאַפן נייע ווירטשאפטלעכע אונטערנעמונגען אין דאָרף און אין שטאָט. דער שוין פאַראַנענער אין א״י אַרבעטער־צבור באַ־

www.libtool.com.cn

טראַכט זיך בלויז אַלס חלוץ, אלס פּיאָנער פון דער צוקונפטיקער גרויסער יידישער אַרבעטער־מחנה אין א״י.

מ׳קען אָנווייזן נאָך אייניקע שטריכן, וועלכע מאַכן בולט דעם אייגנאַרטיקן כאַראַקטער פון דער הסתדרות. אָט, למשל, וועלכע אַרבעטער־באַוועגונג אויף דער וועלט האָט צוטאָן מיט אַזעלכע ספּעציפישע פּראָבלעמען, ווי איבערפירן שטאָטישע עלעמענטן צו ערד־אַרבעט? דער געוויינלעכער שטראָם פירט אומעטום, ווי באוואוסט, אין אַ פאַרקערטער ריכטונג: פון דאָרף אין שטאָט. דער פויער פאַרלאָזט דעם דאָרף און ציט זיך איבער אין דער שטאָט, אין די גרויסע אינדוסטריעלע צענטרען. אָבער אין א״י קומט פאָר, אין אַ גאַנץ ברייטן פאַרנעם, די מערקווירדיקע ערשיינונג פון פאַרוואַנדלען שטאָט־מענטשן אין ערד־אַרבעטער. דאָס וואָס קלינגט אין דער ברייטער וועלט ווי אַ אוטאָפּיע, ווי אַ ערשיינונג וואָס איז „קעגן די עקאָנאָמישע געזעצן״ — ווערט אין א״י אַווירקלעכקייט.

און ווו איז די אַרבעטערשאַפט אַזוי פילפאַרביק און פאַרשידנאַרטיק ווי אין דער הסתדרות? ביי די אומות העולם באַשטייט דער רוב מנין און רוב בנין פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט — פון אינדוסטריעלע פּראָלעטאַריער. די הסתדרות אָבער נעמט אַרום: שטאָט און דאָרף; אינדוסטרי, מלאכה, בוי און עפנטלעכע אַרבעטן, פון איין זייט, לאַנדווירטשאַפט אין דער מושבה און אין די ישובי עובדים (אַרבעטער־זידלונגען) פון דער צווייטער; פיזישע און גייסטיקע אַרבעט; לוין־אַרבעט און זעלבסט־שטענדיקע אַרבעט, שטאָטישע קאָאָפּעראַטיוון און מושבי עובדים, קבוצות און קיבוצים.

אויף דער ברייטער וועלט איז דער שטאָטישער אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט דער הויפּט־טרעגער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג; די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער זיינען על פּי רוב נישט אָרגאַניזירט און עס עקזיסטירט אַפילו אַ פאַרפרעמדקייט צווישן זיי און דעם שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט. אַנדערש איז אין א״י, ווו די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער בילדן איינעם פון די הויפּט־זיילן, אויף וועלכע עס האַלט זיך די גאַנצע הסתדרות. דער עצם געדאַנק פון

www.libtool.com.cn

דער הסתדרות און די וויכטיקסטע ווערטן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען געבוירן געוואָרן אין שויס פון דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן אַרבעטער־צבור.

די הסתדרות איז אַזוי אַרום, פיל, פיל מער ווי אַ געוויינלעכע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, און אירע אויפגאַבן זיינען אָן אַ שיעור ברייטער און פאַרצווייגטער: נישט בלויז פירן דעם טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר די פראָפעסיאָנעלע אינטערעסן פון די שוין פאַראַנענע אין א״י אַרבעטער, נאָר אויך צוגרייטן און ברייגען נייע עולים, בויען נייע ווירטשאַפטן, שאַפן נייע קאָלאָניזאַציע־פונקטן, צונויפשמעלצן פאַרשידענע עלעמענטן אין איין קולטורעלע איינהייט, זאָרגן פאַר דער אָרגאַניזירונג פון דעם ישוב און פאַר זיין זיכערהייט — בקיצור: דער ברייטער קאָמפלעקס פראַגן פון אויפלעבן אַ פאָלק און אויפבויען אַ לאַנד.

אָט דער גייסט וועלכער באַפליגלט די הסתדרות, האָט זי דערהויבן צו דער מדרגה פון דעם אָנפירנדן כוח אין ישוב. איז זי טאַקע דער רוקן־ביין פון דער גאַנצער יידישער אויפבוי־אַרבעט אין א״י און די טרייב־קראַפט פון דעם יידישן ישוב. די הסתדרות איז אַן אומגעהויער וויכטיקער קאָלאָניזאַציע־פאַקטאָר אין א״י, זי טרייבט אָן אויפהער פאָרויס דעם ציוניסטישן וואָגן און לאָזט נישט איינדרימלען דעם ציוניסטישן געוויסן. די הסתדרות איז אויך די פיאָנערין און פאָרגייערין פונם ישוב אויפן קולטורעלן און פאָליטישן געביט: אין אויפלעבן די העברעאישע שפּראַך און פלעגן די נייע קולטור־ווערטן, אין אָרגאַניזירן דעם ישוב און פאַרפעסטיקן די יסודות פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע (כנסת ישראל), אין אָרגאַניזירן די יידישע זעלבסטשוץ א. אז. וו.

אמת, די הסתדרות איז אַן אָרגאַניזאַציע פון א געוויסן קלאַס, פון דעם אַרבעטער־קלאַס. אָבער זי איז דערהויבן געוואָרן צו אַן ערשטראַנגיקן נאַציאָנאַלן פאַקטאָר אין לעבן פונעם גאַנצן ישוב. אין דער הסתדרות זיינען פאַרשמאָלצן געוואָרן די קלאַסן־אינטערעסן

www.libtool.com.cn

פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט מיט די אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון דעם יידישן ישוב.

אין דער הסתדרות ברויזט אַ סאָציאַלער פּאַטאָס, וועלכער איז צונויפגעשמאָלצן מיט גרויסע נאַציאָנאַלע אימפּולסן. די וויזיע פון עם עובד (אַרבעטס־פאָלק) באַגלייט איר טעטיקייט, לאָזט זי נישט זיך צו באַנוגענען מיטן יש און שטויסט צו גרויסע קאָנסטרוקטיווע מעשים.

www.libtool.com.cn

II

# ווי אַזוי איז די הסתדרות געשאַפן געוואָרן?

## א. דער אָנהויב

די הסתדרות איז נישט אַנטשטאַנען מיט איין מאָל. זי איז אַ רעזולטאַט פון אַ לאַנגדויערנדער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. די הסתדרות איז געגרינדעט געוואָרן ערשט אין 1920 יאָר, אָבער אירע יסודות זיינען פאַקטיש געלייגט געוואָרן פיל, פיל יאָרן פריער.

מיר הויבן אָן די געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין א״י מיטן אָנהויב פון דער צווייטער עליה (1904). אָבער אויך אין די צייטן פון דער ערשטער עליה (1882—1903) זיינען געווען יידישע אַרבעטער אין א״י. עס זיינען אפילו באוווסט אייניקע פרווון פון אַרבעטער־אָרגאַניזירונג אין יענער תקופה, אָבער די אַלע פרווון האָבן נישט מאריך ימים געווען. אויסער די שווערע אָביעקטיווע באַדינגונגען האָט דאָ אויך געווירקט די איינשטעלונג פון די יידישע אַרבעטער אין יענער צייט. דער לאָזונג פון דער ערשטער עליה „אל המנוחה ואל הנחלה" (צו רו און צו אַ נחלה) האָט גערעדט אויך צו זייערע הערצער, און זיי האָבן נישט געזען פאַר זיך קיין אַנדער תכלית אין א״י, ווי צו באַקומען אַ נחלה און זיך באַזעצן אויפן לאַנד אַלס זעלבסטשטענדיקע לאַנדווירטן. זיי האָבן באַטראַכט דעם אַרבעטער־לעבן בלויז אַלס צייטווייליקע זאַך, אַלס אַ איבער־גאַנגס־שטופע צו דעם ענדציל, וואָס איז געווען — צו ווערן אַליין אַ לאַנדווירט מיט אַן אייגענער נחלה. זייער גורל איז געווען דער־זעלבער, וואָס דער גורל פון דער גאַנצער יידישער קאָלאָניזאַציע אין יענער תקופה: יידישע בעלי־בתים — און אַראַבישע אַרבעטער.

ווען עס זיינען אָנגעקומען קיין א״י די ערשטע פּיאָנערן פון דער צווייטער עליה, האָבן זיי געפונען אין לאַנד אַ גאַנץ טרויעריקע בילד: אַ יידישע ווירטשאַפט וואָס איז געבויט אויף אַראַבישע פּראַצע און שוויס. די צווייטע עליה האָט געטראָגן מיט זיך דעם רעוואָלט

www.libtool.com.cn

קעגן אַט דער מאָראַלישער ירידה און פּאַראַט פון ציוניסטישן אידעאַל. ווייל ציוניזם באַדייט — ווידערבאַנייאונג פונם יידישן פאָלק אויף יסוד פון אַרבעט, און אַ ישוב וואָס איז געבויט אויף נישט־יידישער אַרבעט — שאַפט בלויז אַ נייעם גלות.

ווי טיף ס׳איז געווען דאַן דער קריזיס אין דעם יידישן ישוב, זעען מיר אויך פון דעם אויפרוף, וואָס יוסף ויתקין האָט זיך מיט אים געווענדעט צו דער יידישער יוגנט אין גלות (1905):

„איר זענט נישט איבעריק אין א״י, ווי מ׳האָט אייך צוגעוווינט צו טראַכטן. איר זייט נויטיק פאַרן פאָלק און פאַרן לאַנד, ווי לופט צו אָטעמען. קומט וואָס שנעלער אין א״י אַרבעטן פאַרן פאָלק, אָבער זייט אויך גרייט צו דער פאַראַכטונג און אכזריות פון דער סביבה, צו איר שפּאָט און ביטול, צו איר יאוש וואָס פרעסט אויף דעם גוף מיט דער נשמה. קומט שנעלער, באַנייט די טעג פון די בילו״יים, ווייל נאָך אַ ביסל — און מיר זיינען פאַרלוירן!״.

דער איבערברוך איז געקומען מיטן אָנהויב פון דער צווייטער עליה, וואָס אירע ערשטע שוואַלבן זיינען געווען אַ גרופּע פּועלי־ציון פון דער שטאָט האָמעל, אין רוסלאַנד, מיטגלידער פון דער יידישער זעלבסטשוץ. זיי זיינען עולה געווען קיין א״י אָנהויב 1904 — און אין משך פון דער גאַנצער תקופה פון דער צווייטער עליה (1914—1904) האָבן געשטראָמט קיין א״י הונדערטער און טויזנטער צעירים און צעירות, וועלכע זיינען געפאָרן קיין א״י מיט איין געדאַנק: לעבן אַלס לוין־אַרבעטער זייער גאַנצן לעבן.

די צווייטע עליה האָט גערעטעט די יידישע קאָלאָניזאַציע אין א״י פון מאָראַלישן באַנקראָט און פּאַקטישן אונטערגאַנג דורך דעם וואָס זי האָט געשאַפן דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס אין א״י. קליין איז געווען דאַן דער אַרבעטער־צבור אין לאַנד, ער האָט געציילט טויזנט, אפשר 1200 חברים און חברות, אָבער ער איז געווען שטאַרק אין גייסט און אין זיין מאָראַלישן כוח, אַדורכגעדרונגען מיטן באַוווסטזיין פון זיין שליחות און פון זיין גרויסער היסטאָרישער אויפגאַבע אין דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם.

www.libtool.com.cn

צוערשט האָט די אַרבעטערשאַפט אין א״י געוווּסט בלויז איין פאָרם פון אָרגאַניזירונג — פּאָליטישע פּאַרטייען. ס׳האָבן זיך צו יענער צייט אויסגעקריסטאַליזירט צוויי פּאַרטייען, „הפועל הצעיר״ און „פּועלי־ציון״, (1905), וועלכע האָבן אַרומגענומען דעם גרעסטן טייל פונם אַרבעטער־צבור. די פּאַרטייען זיינען געווען דער איניציאַטאָרישער און אָנפירנדער כוח אינם אַרבעטער־לעבן. דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין יענע יאָרן האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום די פּאַרטייען, וועלכע האָבן אויך אויפגעשטעלט ליטעראַרישע טריבונעס. די פּאַרטייען האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט פּאָליטישע און קולטורעלע טעטיקייט. זיי האָבן זיך באַשעפטיקט מיטן גאַנצן פאַרנעם פון אַרבעטער־ענינים: אויסזוכן און פאַרטיילן אַרבעט, איינאָרדנען קיכן, אויפנעמען די נייע עולים, אָרגאַניזירן פאַרשיידענע ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. יעדע פּאַרטיי האָט געזאָרגט פאַר אירע מיטגלידער און געשטרעבט צו באַפרידיקן אַלע זייערע באַדערפענישן, מאַטעריעלע און גייסטיקע. אָבער קיין אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זאָרגן פאַרן כלל, פאַרן גאַנצן אַרבעטער־צבור, אָן אונטערשייד פון פּאַרטייאישער אָנגעהעריקייט, — איז נאָך דאַמאָלסט נישט געווען.

אין גרונט גענומען, האָבןביידע פּאַרטייען געשטרעבט צו איין זאַך: צו שאַפן אַ יידישן אַרבעטער־קלאַס אין א״י, וועלכער זאָל זיין פאַרוואָרצלט אין אַלע צווייגן פון דערווירטשאַפט. די אידעאָלאָגישע פאָרמולירונג איז געווען אַ פאַרשיידענע, אָבער דאָס ציל איז געווען איינער. די אינערלעכע טרייב־קראַפט, וואָס האָט זיי אַלעמען געבראַכט קיין אַ״י, ווי אויך זייערע ממשותדיקע מעשים אין לאַנד זיינען אין תוך געווען די זעלבע. זיי אַלע האָבן פאַקטיש מקיים געווען דעם געבאָט פון כיבוש העבודה (דעראָבערונג פון דער אַרבעט) און האָבן אַלע געזען אין דעם שאַפן פונם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין א״י אַ אומבאַדינגטן תנאי פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונם ציוניזם.

דורך יאָרן איז דער אַרבעטער־צבור געוואַקסן און ס׳האָבן זיך

www.libtool.com.cn

אויסגעבילדעט קרייזן, וועלכע זיינען געשטאַנען אויסער די ביידע פּאַרטייען. דער דאָזיקער צבור פון אומפּאַרטייאישע איז מיט דער צייט אַרויסגעטראָטן ווי אַ דריטער פאַקטאָר, צוגלייך מיט ביידע פּאַרטייען, און ער האָט זייער פיל מיטגעהאָלפן דעם וווקס פון די פאַראייניקונגס־טענדענצן אין דער אַרבעטערשאַפט און זייער פאַר־ווירקלעכונג אויף פאַרשיידענע עטאַפּן.

די געמיינזאַמע באַדינגונגען פון לעבן, די בשותפותדיקע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע צילן, און באַזונדערס דאָס באַוווּסטזיין פון די גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבן, וועלכע ליגן אויף דער אַרבעטער־שאַפט אין א״י — דאָס אַלץ האָט געבוירן און געשטאַרקט אין דעם אַרבעטער־צבור אַ שטרעבונג צו פאַראייניקונג, כדי צו שאַפן אַ קאָנ־סאָלידירטן גרויסן כוח, וועלכער זאָל זיין ביכולת אויסצופירן די גרויסע היסטאָרישע שליחות פונם יידישן אַרבעטער אין א״י.

אָט די פאַראייניקונגס־טענדענץ גייט דורך, ווי אַ רויטער שנור, אין דער געשיכטע פון יידישן אַרבעטער־קלאַס אין א״י. די גרינ־דונג פון דער הסתדרות איז איינער פון די וויכטיקסטע עטאַפּן אויפן דאָזיקן וועג.

## ב. די ערשטע שפּראָצונגען פון אַרבעטער־אַחדות

די גרעסטע טייל אַרבעטער, וועלכע זיינען געקומען מיטן שטראָם פון דער צווייטער עליה, האָבן זיך קאָנצענטרירט אין די יאָרן 1904—7 אין די מושבות פון יהודה, באַזונדערס אין פתח־תקוה, „די מוטער פון די קאָלאָניעס". דאָרט איז אויך געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פּרווו צו פאַראייניקן אַלע אַרבעטער אין איין אַלגעמיינעם פאַרבאַנד, אָן אונטערשייד פון פּאַרטייען, אויף אַ עקאָנאָמישער און פּראָפעסיאָנעלער באַזע. אָבער דאָס איז נישט געלונגען — צוליב דער קאָנקורענץ, וועלכע האָט געהערשט אין די באַציאונגען צווישן די ביידע פּאַרטייען.

אַנדערש האָט עס אויסגעזען אין גליל. דער געדאַנק וועגן אַרבעטער־אחדות האָט דאָרט געפונען אַ פרוכטבאַרן באָדן. צו יענער

www.libtool.com.cn

צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער צו פאַרלאָזן די קאָלאָניעס פון יהודה, באַזונדערס נאָכן באַיקאָט אויף יידישע אַרבעטער אין פתח־תקוה אין 1906 יאָר. ס'האָט געצויגן דער גליל מיט זיינע בערג, מיט די תבואה־פעלדער, מיט דער פלחה (אַקערבוי), וועלכע איז באַטראַכט געוואָרן אַלס די „אמתע לאַנד־ווירטשאַפט", אין קעגנזאַץ צו דער פלאַנטאַציע־ווירטשאַפט פון פרדסים אין יהודה. אין די מושבות פון גליל האָבן זיך קאָנצענטרירט פיל אַרבעטער, באַזונדערס אין סעדזשערא, וועלכע איז געוואָרן אַ צענטר פאַר דער יידישער אַרבעטער־משפחה אין גליל.

דאָ אין גליל האָבן זיך אָנגעהויבן וועבן די ווירטשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע שאַפונגען פונם יידישן אַרבעטער. אין סעד־זשעראַ האָט אַרויסגעשפּראָצט דער ערשטער קערן פון דער לאַנד־ווירטשאַפטלעכער קבוצה — ס'איז געגרינדעט געוואָרן אַ קאָאָפּע־ראַטיוו, וועלכער האָט איבערגענומען אויף זיין אחריות די־אויספירונג פון לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט אין דער מושבה (1907). אָט דער קאָאָפּעראַטיוו איז באַקאַנט אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין א"י אונטערן נאָמען: „דער קאָלעקטיוו אין סעדזשערא".

פון דעם דאָזיקן „קאָלעקטיוו" איז אויך אַנטשטאַנען די ערשטע גרופּע פון „ה ש ו מ ר", די יידישע וועכטער־אָרגאַניזאַציע. אמת, דער געדאַנק פון יידישער שמירה און הגנה איז געבוירן געוואָרן פריער, אָבער דאָ אין גליל איז ער צוערשט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

דער גליל האָט זוכה געווען צו זען די ערשטע שפּראָצונגען פון אַרבעטער־איינהייט. דאָ איז אַנטשטאַנען די ערשטע פּראָפע־סיאָנעלע אָרגאַניזאַציע פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער „ה ח ו ר ש" (1907). דער „החורש" האָט אַרומגענומען אַלע אַרבעטער פון גליל התחתון, אָן אונטערשייד פון פּאַרטייען.

אויך דער „השומר" איז געווען אַן אַלגעמיינע אומפּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע, הגם די איניציאַטיוו צו זיין גרינדונג איז אַרויס פון איין פּאַרטיי — פון די „פועלי ציון".

www.libtool.com.cn

צו יענער צייט איז געשאַפן געוואָרן, מיט דער הילף פון חברים פון „השומר״, נאָך איין וויכטיקער אויפטו: דער „לגיון עבודה״ („אַרבעטס־לעגיאָן״) אָדער קורץ: „עבודה״. אין אים איז צום ערשטן מאָל פאַרקערפּערט געוואָרן דער געדאַנק פון קיבוץ, אַלס לאַנד־אָרגאַניזאַציע. דאָס איז געווען אַ פאַרבאַנד פון מענטשן, וואָס האָבן זיך געגרייט צו לעבן קאָלעקטיוויסטיש און האָבן באַטראַכט אַלס זייער הויפּט־ציל צו קאָנצענטרירן חברים, וועלכע זאָלן זיין גרייט צו די פאַרשיידענע כיבוש (דעראָבערונגס־) אויפגאַבן און מסכים זיין צו גיין אין די געפערלעכסטע פונקטן און צו די שווערסטע אַרבעטן. דער „אַרבעטס־לעגיאָן״ האָט געזאָרגט פאַרן נייעם עולה און האָט געהאַלטן פאַר זיין אויפגאַבע אויפנעמען אים און פירן אויפן חלוצישן וועג, צוגעוויינען צום לעבן פון כיבוש און שמירה. דער דאָזיקער „לאַנד־קיבוץ״ האָט געהאַט צוויי אָפּטיילונגען: אין סעד־זשערא און חדרה. אַזוי אַרום זעען מיר, אַז דער געדאַנק פון קיבוץ, אַלס לאַנד־אָרגאַניזאַציע, איז געבוירן נאָך מיט 40 יאָר צוריק.

דער גייסט פון אחדות האָט באַהערשט אַלע אויפטוען. וועלכע זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין גליל: די קבוצה פון די כובשי כנרת (דעראָבערער פון כנרת) איז געווען אַן אַלגעמיינע. ד. ה. ס׳האָבן אין איר אָנטיילגענומען חברים פון פאַרשיידענע פּאָליטישע ריכטונגען, דאָס זעלבע אויך די קבוצה וואָס האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דגניה. אַלץ מער און מער האָט זיך באַפעסטיקט דאָס באַוווסטזיין, אַז די פאַרייניקונג איז אַ נויטווענדיקייט, אָן וועלכער דער יידישער אַרבעטער קאָן נישט דערפילן זיין שליחות, אַלס הויפּטטרעגער פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג.

אויך די יידישע אַרבעטאָרין האָט געמאַכט אירע ערשטע, נאָך נישט־זיכערע טריט אין גליל. דאָ זיינען געמאַכט געוואָרן אירע ערשטע פּרוּוון פון אָרגאַניזירן זיך און דאָ האָט זיך אויך אָנגעהויבן איר ווירטשאַפטלעכע שאַפונג. (די לערן־פאַרם פאַר מיידלעך אין כנרת אין 1911 א. א.). אויך די ערשטע קאָנפערענץ פון די לאַנד־ווירטשאַפטלעכע אַרבעטאָרינס איז פאַרגעקומען אין גליל (מרחביה 1914).

www.libtool.com.cn

## ג. די גרינדונג פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס

די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער זיינען געווען די ערשטע וואָס האָבן אויפגעבויט אַ שטענדיקע אַלגעמיינע ראַם, אָן אונטערשיד פון פּאַרטייאישער אָנגעהעריקייט. צוערשט זיינען אַנטשטאַנען אָר־טיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע קעמערלעך אין די איינצעלנע מושבות. דאָס זיינען געווען די ועדי־הפועלים, (די אַרבעטער־קאָמיטעטן). שפּעטער האָבן אָנגעהויבן אויפקומען קרייז־אָרגאַניזאַציעס: די הסתד־רות חקלאית פון די אַרבעטער אין גליל (1911), די הסתדרות חקלאית פון די אַרבעטער אין יהודה (1911), און אין 1916 איז אויך אַנטשטאַנען די הסתדרות חקלאית פון די אַרבעטער אין שומרון. אמת, די אָרגאַ־ניזירונג איז דערווייל בלויז לויט די ראַיאָנען: דער גליל באַזונדער, יהודה באַזונדער און שומרון באַזונדער. אָבער ס׳איז שוין פאַראַן אַ שטרעבונג צו אַ פאַראייניקונג אין לאַנד־מאַסשטאַב (דער פּרווו אויפצושטעלן דעם פאַראייניקטן קאָמיטעט פון די א״י־דיקע אַרבעטער אין 1913 א. א.).

די לאַנדווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס האָבן געבילדעט דעם קערן פון וועלכן ס׳איז אויסגעוואַקסן די הסתדרות הכללית, די אַלגע־מיינע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. דאָ, אין דעם לאַגער פון די לאַנד־ווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, — איז אויסגעשמידט געוואָרן די נשמה פון דער הסתדרות. דאָ האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט די עיקרדיקע ווערטן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און ס׳זיינען באַשטימט געוואָרן אירע גרונט־פּרינציפּן: די שטרעבונג צו אַרבעטער־אַחדות, קעגנ־זייטיקע הילף און שיתוף, ווירטשאַפטלעכע שאַפונג, קולטורעלע אַרבעט, קאָלאָניזאַציע אויפן יסוד פון אייגענער אַרבעט און נאַציאָ־נאַלן באַדן.

אויב פריער, איידער ס׳זיינען געשאַפן געוואָרן די לאַנדווירט־שאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, האָט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פון דער אַרבעטערשאַפט געשטראָמט בלויז אין איין ריכטונג, אין אַ פאַרטיי־אישער — שטראָמט זי פון אַ ציינד אָן, אין צוויי ריכטונגען: פאַרטיי

www.libtool.com.cn

און הסתדרות חקלאית. די באַציאונגען צווישן דער הסתדרות חקלאית און די פּאַרטייען זיינען נישט געווען קיין אידילישע. ס'הויבט זיך אָן צווישן זיי אַ ראַנגלעניש, דער עיקר אין דער פראַגע וועגן קאָמפּעטענצן. די פּאַרטייען האָבן מורא, מ'זאָל נישט אַרויסנעמען פון זייערע הענט די לעבעדיקסטע אַרבעטס־צווייגן און זיי פּרווון באַגרענעצן די לאַנדווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע בלויז צו פּראָפעסיאָנעלע ענינים.

אויך די הסתדרות חקלאית אַליין זוכט ערשט איר וועג, זי איז נישט זיכער אין איר כוח, ווייסט נישט מיט וואָס זי מעג און מיט וואָס זי טאָר זיך נישט פאַרנעמען. אין דער הינזיכט איז כאַראַקטעריסטיש דער וויכוח, וואָס איז פאָרגעקומען אויף דער צווייטער קאָנפערענץ פון דער הסתדרות חקלאית פון די אַרבעטער אין יהודה (פּתח־תקוה 1912): צי די „אומפּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער פון יהודה" דאַרף זאָרגן בלויז פאַרן אַרבעטער, וועלכער געפינט זיך שוין אין לאַנד, אָדער אויך פאַר דער עליה פון אַרבעטער פון גלות, צי איז דאָס נישט קיין אָפּנויג פונם „ריינעם" פּראָפעסיאָנעלן תוכן פון דער אָרגאַניזאַציע.

אָבער ביסלעכווייז ווערט אין דער הסתדרות חקלאית פעסטער דער גלויבן אין די אייגענע כוחות. אַלץ שטאַרקער הויבט זי אָן צו קעמפן פאַר פאַרברייטערן אירע קאָמפּעטענצן. די האָריזאָנטן אירע ווערן ברייטער, ס'ווערט גרעסער דער פאַרנעם פון די ענינים, ס'פאַרצווייגט זיך די אַרבעט.

די ערשטע שריט פון דער הסתדרות חקלאית זיינען נאָך נישט קיין דרייסטע, אָבער עס פילט זיך די טענדענץ — אויסצוברייטערן איר אַרבעטס־געביט. אַזוי באַשליסט די צווייטע קאָנפערענץ פון די יהודה־אַרבעטער „צו שאַפן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע ביבליאָטעק, כדי אַנטקעגנצוקומען דעם באַדאַרף אין לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסבילדונג, וואָס פילט זיך בײַ די אַרבעטער". טעאָרעטיש איז עס בלויז לאַנדווירטשאַפטלעכע בילדונג, פּראַקטיש הייסט עס אויך לערנען די אַרבעטער העברעאיש, איינאָרדנען רעפעראַטן און

www.libtool.com.cn

אַנדערע קולטורעלע אַרבעט. אַזוי „אַנערקענט די קאָנפערענץ די נויטוועגדיקייט פון שאַפן אַ קראַנקן־קאַסע אויף די באַשטייערונגען פון די מיטגלידער". אמת, דער אָנהויב פון דער דאָזיקער קראַנקן־קאַסע איז פּאַרלויפיק זייער אַ באַשיידענער, אָבער זאָל עס פאַר־צייכנט ווערן אַלס פאַרדינסט פון דער הסתדרות חקלאית, אַז זי האָט געלייגט דעם יסוד פאַר דער דאָזיקער אינסטיטוציע, וואָס איז היינט דער שטאָלץ פון דער אַרבעטערשאַפט אין א"י.

אַ ווייטערדיקער שריט צו פאַרברייטערן די טעטיקייטס־ראַמען און קאָמפעטענצן פון דער הסתדרות חקלאית איז געמאַכט געוואָרן אויף דער דריטער קאָנפערענץ פון די יהודה־אַרבעטער.

אָנהויבנדיק פון דער דאָזיקער קאָנפערענץ ווערט דער געדאַנק פון אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע אַ פעסטער יסוד אין דער געדאַנקן־וועלט און אין דער פּראַקטישער אַרבעט פון דער הסתדרות חקלאית. דאָס הייסט נישט, אַז זי זאָגט זיך אָפּ פון כיבוש העבודה, פאַרקערט, די פערטע קאָנפערענץ פון דער הסתדרות חקלאית באַטאָנט בפירוש: „די קאָנפערענץ אָנערקענט, אַז אונזער אַרבעט דאַרף דער עיקר זיך קאָנצענטרירן אַרום דער שאַפונג פון אַ נייעם ישוב, אָבער אין דער זעלבער צייט דאַרפן מיר אָנשטרענגען אַלע אונזערע כוחות און פאַר־זעצן ווייטער דעם קאַמף פאַר דעראָבערן די אַרבעט אין די אַלטע קאָלאָניעס, באַמיען זיך צו געפינען אַרבעט פאַר די נייע אַרבעטער, לייכטער מאַכן זייערע לעבנס־באַדינגונגען און זייער עקזיסטענץ און שאַפן אַלגעמיינע אַרבעטער־צענטרען (קלובן, קיכן, אַרבעטס־ביוראָס), אין וועלכע ס'זאָל זיך קאָנצענטרירן דאָס געזעלשאַפטלעכע און קול־טורעלע לעבן פון אַרבעטער".

אין פראַגן פון קאָמפּעטענצן וואַקלט זיך שוין נישט די דריטע קאָנפערענץ קלאָר פעסטצושטעלן, אַז „די גאַנצע אַרבעט פון איינ־אָרדנען קבוצות און אַרבעטער־ישובים, ווי אויך דאָס אָננעמען נייע אַרבעטן, דאַרף אַדורכגיין דורכן ועד פון דער הסתדרות". דאָס הייסט — די הסתדרות חקלאית איז די וועלכע פאַרנעמט זיך מיט די אַלע

www.libtool.com.cn

ענינים, זי איז דער פאָרשטייער פון די אַרבעטער אין די אַלע פראַגן כלפּי חוץ, כלפּי די קאָלאָניזירונג־אינסטיטוציעס.

וואָס מער די הסתדרות חקלאית פאַרפעסטיקט זיך, אַלץ מער ווערן די רייבונגען צווישן איר און די פּאַרטייען. ס'האָט זיך געפירט אַ געראַנגל מכוח דעם, ווער ס'דאַרף זיך פאַרנעמען מיט דעם אָדער יענעם אַרבעטס־שטח, צו וועמען ס'געהערט די אָדער יענע אַרבעט. ס'האָבן זיך צונויפגעשטויסן צוויי טענדענצן: פון איין זייט — די טענדענץ צו באַגרענעצן די הסתדרות אין די ראָמען פון „ריינער" פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט און פון דער צווייטער זייט — די טענדענץ אויסצובּרייטערן אירע קאָמפּעטענצן און טעטיקייטס־געביטן אַזוי ווייט, אַז זי זאָל ווערן דער הויפּט־אינסטרומענט פון דער אַרבעטערשאַפט.

### ד. צווישן די שטאָטישע אַרבעטער

אין דער תקופה פון דער צווייטער עליה האָבן זיך די מערהייט אַרבעטער קאָנצענטרירט אין דער לאַנדווירטשאַפט, אָבער גרופּן אַרבעטער האָבן זיך באַזעצט אויך אין דער שטאָט. אויך זיי זענען נישט געבליבן פאַרגליווערט. פון צייט צו צייט דערוועקט זיך ביי זיי אַ באַגער צו פאַראייניקונג. ס'ווערן געמאַכט פרווון אויפצושטעלן פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, אָבער די דאָזיקע פאַריינען עקזיסטירן נישט לאַנג. זיי בליען אויף און פאַרוועלקן באַלד. די ערשטע האָבן זיך אָרגאַניזירט די דרוקער־אַרבעטער. ס'זיינען אויך באַוווסט פרווון פ'ן אָרגאַניזירן זיך ביי די שטיינהאַקער, סטאָלער און שלאָסער־אַרבעטער, ביי די באַאַמטע און האַנדלס־אַנגעשטעלטע. דעם אמת געזאָגט, איז די שטאָט געווען טעטיק אַסך פריער פונם דאָרף אויפן געביט פון פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזירונג. שוין אין 1897 האָט עקזיסטירט אין ירושלים אַ פאַריין פון דרוקער־אַרבעטער: ער איז אויפסניי געגרינדעט געוואָרן אין 1902 און צום דריטן מאָל אָרגאַניזירט געוואָרן אין יאָר 1907, נישט איינמאָל זיינען די דרוקער־אַרבעטער געצוווּנגען געווען זיך צו נעמען צום געווער פון שטרייק. אַזוי

www.libtool.com.cn

איז באַקאַנט דער אַלגעמיינער שטרייק פון די דרוקער־אַרבעטער אין ירושלים אין יאָר 1908.

אויך אין שטאָט זיינען געווען פּרוּוון פון כיבוש עבודה (ווי למשל, די קבוצה פון די דרעכסלער פון שטיינהאַקעריי־אַרבעט אין ירושלים, וועלכע האָבן די ערשטע געפּרוּווט לעבן קאָלעקטיוו). נישט שטענדיק זיינען די שטאָטישע אַרבעטער נאָכגעגאַנגען נאָך די פּאַכן, צו וועלכע זיי האָבן זיך צוגעוווינט אין גלות. טיילמאָל האָבן זיי געפּרוּווט דערווערבן נייע פּאַכן, וועלכע זיינען געווען לחלוטין פרעמד דעם יידן אין גלות.

דער שטאָטישער אַרבעטער האָט אויך געזאָרגט אויפצושטעלן אַרבעטער־קלובן. ס׳איז באַקאַנט דער אַרבעטער־קלוב אין יפו (1909), און שפּעטער איז אויך אויפגעשטעלט געוואָרן אַ קלוב אין חיפה און אַן אַרבעטער־היים אין ירושלים. די דאָזיקע קלובן האָבן געדינט צענטרען פאַר יעדער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג צווישן די שטאָטישע אַרבעטער. דאָך טרעפן מיר נישט ביי דער שטאָטישער אַרבעטערשאַפט יענע אידעאישע ברויזונג און יענע געזעלשאַפטלעכע וואַכזאַמקייט און אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן, וועלכע האָבן זיך אַנטפּלעקט ביי די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער. דער חלוצישער תוכן פון דער א״י־דיקער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער גאַנצער תקופה פון דער צווייטער עליה, איז פאַרקערפּערט געוואָרן אין דאָרף. דאָ, אין דאָרף, קאָנצענטרירט זיך דער חלוצישער ישוב, און דאָ זיינען אויסגעקריצט געוואָרן די לוחות־הברית פון די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער.

## ה. אין די מלחמה־יאָרן

מיטן אויסברוך פון דער מלחמה אין 1914 יאָר איז דער גאַנצער ישוב און מיט אים די אַרבעטערשאַפט, אַריין אין אַ תקופה פון אַ שווערן קריזיס: גרויזאַמע רדיפות פון דער טערקישער רעגירונג אויפן ישוב, גירושים, צוואַנגס־אַרבעט, עקאָנאָמישע נויט, אַרבעטס־

www.libtool.com.cn

לאָזיקייט, הונגער און קראַנקייטן. דער ישוב און די אַרבעטערשאַפט זיינען געשטאַנען אויפן ראַנד פון אָפּגרונט.

אין יענע יאָרן אַנטפּלעקט זיך אין איר גאַנצער לעבנס־נויט־ווענדיקייט די באַדייטונג פון דעם פאַקט, וואָס עס עקזיסטירט אַן אַלגעמיינע ראַט — די הסתדרות החקלאית. דער געדאַנק פון קעגנזייטיקער הילף האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין אַרבעטער־צבור און האָט אים באַוויזן צו גרויסע זאַכן. אַ דאַנק דעם איז ער נישט צובראָכן געוואָרן און האָט איבערגעקומען די שלעכטע צייטן. מ׳האָט איינגעפירט דאָס טיילן זיך מיט אַרבעט. ס׳זיינען געגרינדעט געוואָרן בשותפות׳דיקע קאַסעס. ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמונע (אין פתח־תקוה), ס׳זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אונטערנעמונגס־קבוצות.

הגם אין די שווערע צייטן פון דער מלחמה זיינען אַלע כוחות געווען געווענדעט אויפצוהאַלטן די עקזיסטירנדע פּאָזיציעס — האָט דאָך נישט אויפגעהערט דער שאַפונגס־גייסט אין דער אַרבעטער־משפחה. אין די מלחמה־יאָרן איז געשאַפן געוואָרן דער „המשביר״ ביי דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, ס׳זיינען געגרינדעט געוואָרן קבוצות אין גליל העליון מיט דער מיטהילף פון קפא״י (פּאַלעסטינער אַרבעטער־פאָנד), ס׳זיינען אַנטשטאַנען קבוצות פון אַרבעטאָרינס.

ווידער אַמאָל שווימט אַרויף דער געדאַנק וועגן אַ פינאַנץ־אינסטיטוציע אין רשות פון די אַרבעטער, וואָס עס האָבן געפאָדערט די דריטע און פערטע קאָנפערענץ פון די יהודה־אַרבעטער. און די זעקסטע קאָנפערענץ (פתח־תקוה 1916) באַשליסט: „די תקופה פון קריזיס האָט נאָך בולטער באַוויזן, ווי נויטיק ס׳איז פאַר דער אַרבעטערשאַפט אַ פינאַנץ־אינסטיטוציע, וועלכע זאָל שטיין צו דער דיספּאָזיציע פון דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין ארץ ישראל״. מיט די דאָזיקע ווערטער איז פּאַקטיש אויסגעדריקט געוואָרן דער געדאַנק וועגן אַן אַרבעטער־באַנק, וואָס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן ערשט נאָכן גרינדן די הסתדרות הכללית אין 1920 יאָר.

די מלחמה־יאָרן און די ליידן, וואָס זיינען געווען מיט זיי פאַר־

www.libtool.com.cn

בונדן, האָבן צוגעהאָלפן צו דער אויסקריסטאַליזירונג פון דער אַרבע־טערשאַפט אין לאַנד. ס׳איז קלאָר און פעסט געוואָרן די דערקענטניש, אַז דער כלל־אַרבעטער בילדעט איין געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפט, וועלכע איז פאַראייניקט אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן און אין דער אידיי.

„אין לעבן, אין אמת פון לעבן, אין זיין וויטאָג און שאַפונג, אין זיינע ליידן און טרייסט — זיינען מיר איין גאַנצעס: דער יידישער אַרבעטער אין א״י. אַלץ וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין לאַנד: די לעבנס־באַדינגונגען, די אַרבעט, די הגנה, די קיבוצישע לעבנס־פאָר־מען, דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, די שפּראַך און קולטור, די קראַנק־הייטן און ווייטאָקן, די שוואַכקייטן און העלדישקייטן, אונזערע ווייטע פריינט און אונזערע נאָנטע שונאים — אַלץ אַלץ פאַראייניקט, פאַר־בינדעט, גלייכט אויס אין שווערן קאַמף, פירט אונז צו דער איינציקער און זעלבער שטרעבונג, פאַרפליכטעט אונז צו די זעלבע מעשים, צו די זעלבע וועגן אומעטום. דאָס אַלץ מאַכט פון אונז איין „כלל״ אין לאַנד״. (ב. קאַצענעלסאָן).

אין פייער פון פיין און יסורים איז געלייטערט געוואָרן די אחדות פון דער אַרבעטער־משפחה אין לאַנד.

מיטן באַפרייען יהודה פון די טערקן, האָט דער קליינער ישוב אָנגעהויבן קומען צו זיך פון די קלעפּ פון דער מלחמה. דער גליל איז נאָך געווען אָפּגעריסן, אין דער אַרבעטער מחנה אין יהודה האָט געהערשט אַ גרויסע אויפמונטערונג. ס׳האָט זיך אַרומגענומען דאָס געפיל פון אָנקומענדיקע גרויסע טעג. די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט אָנגעזאָגט אַ נייע תקופה פאַרן לאַנד און פאַרן ציוניזם.

אין יענע טעג פון אויפמונטערונג איז אויך צונויפגעקומען די זיבעטע קאָנפערענץ פון די יהודה־אַרבעטער (רחובות — 1918). די דאָזיקע קאָנפערענץ איז געווען געווידמעט די פּראָבלעמען פון צוקונפט.

ב. קאַצענעלסאָן האָט דאָרט געהאַלטן זיין גרויסע רעדע: „דער צוקונפט אַנטקעגן״. אין זיינע ערשטע ווערטער האָט ער גע־

www.libtool.com.cn

זאָגט: „דער מאָמענט, וואָס מיר האָבן אַזוי געהאָפט אויף אים — איז געקומען. די קייטן זײַנען אָפּגעשאָפן. דאָס לעבן אין שרעק איז פאַריבער. דער פּחד פון צעשטערונג און חורבן, וואָס האָט געשוועבט אַלע יאָרן אויף דעם לעבנס־ווערק פון צוויי דורות, וועלכע האָבן געאַרבעט און געליטן פאַר דער גאולה — איז פאַרביי. און ביים שײַן פון די גרויסע בשורות, וועלכע דערגייען צו אונז פון דער פינצטערניש, גייען מיר ווידער אַרויס אויף דער ליכטיקער וועלט".

און ב. קאַצענעלסאָן הייבט אָן אויפצוויקלען קאַפּיטלעכווייז, ווי אַזוי די אַרבעטער־באַוועגונג אין א"י דאַרף זיך צוגרייטן צו דער צוקונפט: „די גורל־פראַגע פון ציוניזם איז, צי ער וועט קענען אַנטפּלעקן דעם ברייטן און טיפן, מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן תוכן, וואָס איז באַהאַלטן אין אים פון ערשטן טאָג פון זײַן אַנטשטייאונג, און צי ער וועט געפינען דעם שליסל צום הארץ פון פאָלק, כדי דורך דער אידיי פון פולשטענדיקער גאולה, פון פרייהייט און יידישן און מענטשלעכן שטאָלץ, פון אַ ברייטע מעגלעכקייט פאַר אַ מענטשלעך לעבן — אַרויסרופן זײַן איבערגעבנהייט און אַקטיוויטעט".

דאָס הייסט, אַז דער ציוניזם דאַרף פון איצט אָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גרויסער אויסגעלייזנדיקער פאָלקס־באַוועגונג. און וואָס פאַראַ אָרט דאַרף אין דער ציוניסטישער באַוועגונג פאַרנעמען די אַרבעטערשאַפט? דאַרויף ענטפערט ער:

„איך מיין, אַז דאָס בת־קול פון דער היסטאָרישער השגחה ענטפערט שוין: די יונגע, ברויזנדע חלוצישע כוחות קומען אָן און וועלן אָנקומען. זיי וועלן אָפּגעבן זייער לעבן און וועלן באַלויכטן מיט זייער גייסט די באַוועגונג".

פון דאַנען דרינגט אַרויס דער אַרבעטס־פּלאַן:

פלעגן דעם קרן קימת ווי אַ גרויסן פאָלקס־פאָנד, וואָס לייזט אויס דעם באָדן און גיט אים איבער צו דער דיספּאָזיציע פון פאָלק. צוזאמען דאַמיט דאַרף געשאַפן ווערן אַ גרויסע געזעלשאַפט, וועלכע זאָל פינאַנסירן די קאָלאָניזאַציע, די בוי, די לאַנדווירטשאַפטלעכע אינדוסטרי. די לאַנדווירטשאַפט דאַרף מען אויפהויבן אויף א העכערער

www.libtool.com.cn

שטופע. ס׳דאַרף קומען אַ געזעלשאַפטלעכער פּאָרשריט, אַ קולטור־רעלע פאָלקס־אַרבעט, וואָס זאָל פאַרטיפן די לעבנס־יסודות.

דאָס זיינען געווען די טעזן פון פּלאַן, וועלכן ב. קאַצענעלסאָן האָט מיט זיך מיטגעבראַכט צו דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָנפערענץ. אַ סך פון זיינע ווערטער זענען איצט אויס ווי זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַכן, ווייל זיי עקזיסטירן שוין, אָבער צו יענער צייט, ווען דער פאַרנעם פון דער קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט איז נאָך געווען זייער שמאָל, ווען אויסער דעם קרן־קימת האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע נישט פאַרמאָגט קיין שום קאָלאָניזאַציע־אינסטרומענט, דער קרן היסוד האָט נאָך דאַמאָלסט נישט עקזיסטירט און אויך דער באָדן־אויסלייז פון קרן קימת איז געווען זייער באַגרענעצט, דאַמאָלסט האָט דער פּלאַן באַדייטעט אַן אויפשוווּנג און האָט דורכגעבראָכן אַ וועג פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ציוניזם.

די דאָזיקע קאָנפערענץ, וועלכע איז געווען אַדורכגעדרונגען מיטן געפיל פון דער שליחות, וואָס ליגט אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג אויפן שוועל פון דער נייער תקופה אין פאָלק און אין ציוניזם, האָט אויך אַרויסגערוקט שטאַרקער די פאָדערונג פון אַרבעטער־אחדות.

### ו. דער דראַנג נאָך פאַראייניקונג און די קאָנפערענץ אין פתח־תקוה

צו יענער צייט, 1917—18, האָט זיך אין דער א״י־דיקער אַרבעטערשאַפט אָנגעהויבן אַ באַוועגונג פון שאַפן יידישע גדודים, כדי דאָס יידישע פאָלק זאָל ערשיינען אַלס אַקטיווער פאַקטאָר אין דער מלחמה און העלפן באַפרייען א״י. אָט די באַוועגונג פון התנדבות (פרייוויליקייט) האָט אַרומגענומען די מערהייט פון די יידישע אַרבעטער אין לאַנד און האָט געבראַכט צו דער שאַפונג פון א״י־דיקן גדוד. דער גדוד איז געוואָרן דער צענטראַלער כוח פון דער פאַראייניקונגס־באַוועגונג ביי די א״י־דיקע אַרבעטער.

אַ ווייטערדיקן שטויס צום איחוד האָט געגעבן דער צונויפ־

טרעף פון דעם ארץ־ישראלדיקן גדוד מיטן גדוד פון די יידישע פריי־ווילִיקע אין אַמעריקע. דער דאָזיקער גדוד האָט אַריינגענומען אין זיך דעם רוב מיטגלידער פון דער „החלוץ“־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1915 דורך י. בן־צבי און ד. בן־גוריון, וועלכע זיינען געקומען קיין אַמעריקע נאָכדעם, ווי זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון ארץ־ישראל דורך די טערקן. בן־צבי און בן־גוריון זיינען אויך געווען צווישן די אַקטיווע טוער פון דער באַוועגונג פון די פרייוויליקע אין אַמעריקע און זיי זיינען געקומען צוזאַמען מיטן גדוד. אין מצרים, ווו ס'האָבן זיך באַגעגנט ביידע גדודים, איז מיט דער גאַנצער שאַרפקייט באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע פון פאַראייניקונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל אין איר גאַנצן פאַרנעם און טיפקייט: נישט בלויז פאַראייניקן די אַרבעטער אין איין ראַם, נאָר אויך אַריינעמען אַלע אַרבעטס־געביטן אָן אויסנאַם, איינשליסלעך יענע אַרבעטס־געביטן, וועלכע געהערן פון שטענדיק אָן צו די פאַרטייען, מיט אַנדערע ווערטער: אַדורכפירן אַ פולשטענדיקן אַלץ־אומפאַסנדן איחוד, אַזוי אַז עס זאָלן צעשטערט ווערן די מחיצות צווישן דער פאַרטיי און דער הסתדרות, און די עקזיסטירנדע פאַרטייען זאָלן אויפגעלייזט ווערן.

www.libtool.com.cn

אין דער זעלבער צייט, ווען אין די יידישע גדודים אין מצרים האָט זיך אַלץ מער אויסגעקריסטאַליזירט דער געדאַנק פון איחוד, — האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע באַוועגונג פאַרן איחוד צווישן די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער, באַזונדערס צווישן די אומפאַרטייאישע, וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום דער הסתדרות חקלאית. דאָס באַוווסטזיין, אַז מ'שטייט אויף דער שוועל פון אַן איבערברוך אין לעבן פון לאַנד און אַז די אַרבעטערשאַפט וועט נישט אויספילן איר שליחות אויב זי וועט נישט איבערווינדן די אינערלעכע צעשפּליטערקייט — אָט דאָס באַוווסטזיין האָט באַדייטנד פאַרשטאַרקט דעם דראַנג צום איחוד.

ס'זיינען געמאַכט געוואָרן שריט אַדורכצופירן די צונויפשמעלצונג פון די דריי לאַנדווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס (יהודה,

גליל, שומרון) אין איין לאַנד־אָרגאַניזאַציע, און אויך צוזאַמענצורופן אַן אַלגעמיינע קאָנפערענץ פון אַלע ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער פון דאָרף און שטאָט.

www.libtool.com.cn

די „פועלי־ציון" פּאַרטיי האָט זיך אָנגעשלאָסן, אין איר גרעס־טער מערהייט, צו דער איחוד־באַוועגונג. אַנדערש איז געווען דער „הפועל־הצעיר", וועלכער האָט באַשלאָסן פּאַרזעצן זיין זעלבסט־שטענדיקע עקזיסטענץ און נישט צושטיין צו דער איחוד־באַוועגונג. דער עיקר האָט דאָ געווירקט די מורא, אַז ס'וועלן ליידן באַשטימטע ווערטן פון דער א"י־דיקער אַרבעטער־באַוועגונג, ווען מ'וועט אויפ־שטעלן אַברייטע מאַסן־ראַם און די פּאַרטייען וועלן בטל ווערן. דער ענטפער פון „הפועל־הצעיר" אויף דער אופפאָדערונג צו פאַראייניקן זיך, איז אַלזאָ געווען, אַז דער „הפועל־הצעיר" וועט נישט צולייגן קיין האַנד צו אַן איחוד, וועלכער דאַרף „פאַרווישן דעם קיום פון הפועל־הצעיר". דאַריבער האָט זיך דער "הפועל־הצעיר" אָפּגעזאָגט אָנטייל צו נעמען אין דער קאָמיסיע וועלכע האָט געזאָלט צוגרייטן די פאַראייניקונגס־פּלאַטפאָרם. די קאָמיסיע איז דעריבער צוזאַמענ־געשטעלט געוואָרן בלויז פון „פועלי־ציון" און אומפּאַרטייאישע (אַלס מיטגלידער זיינען אַריין: ד.בן־גוריון, י.בן־צבי, י. טבנקין, ש. יבנאלי, ב. קאַצענעלסאָן, ד. רמז).

ב. קאַצענעלסאָן האָט אין אַ גרויסער רעדע באַגרינדעט די נויטווענדיקייט פון אַן אומפּאַסנדער אַרבעטער־פאַראייניקונג. ער האָט באַטאָנט, אַז דער איחוד איז אַ געבאָט פון דער שעה פון יעדן שטאַנדפּונקט. אויך כדי אויפצונעמען די נייע עולים איז ער אומבאַ־דינגט נויטיק:

„צי וועלן מיר קענען אויסשטרעקן אַ פשוטע, ברייטע, ברודער־לעכע האַנט צו די נייע עולים, צי וועלן מיר זיי קענען געבן די אמתע חבֿרישע הילף? צי דען קען מען זיך פאָרשטעלן, אַז מיר וועלן דאָס מאַכן זייענדיק צעריסן אין באַזונדערע „קלייזלאַך"? צי וועלן מיר נישט פאַרשטיין אויסצובויען אַן איינהייטלעכע, אַלץ אַרומנעמנדיקע

www.libtool.com.cn

אָרגאַניזאַציע, ווו דער עולה זאָל געפינען זיין היים, זיין חברשע סביבה, די דערפילונג פון זיינע שטרעבונגען ?״

אין אַן אָנגעשטרענגטער אַטמאָספער פון באַגייסטערטע ויכוחים און ערנסטע חילוקי־דעות איז זיך צוזאַמענגעקומען די אַלגעמיינע קאָנפערענץ פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אין פתח־תקוה אין אָנהויב 1919. אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט 60 דע־לעגאַטן: 19 פון „פועלי־ציון״, 12 „הפועל הצעיר״, 27 אומפּאַר־טייאישע, 2 חברים פון מרכז.

מיט אַ „מערהייט פון 48 שטימען קעגן 12 האָט די קאָנפערענץ אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן איחוד, לויטן פּראָיעקט, וועלכער איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך דער קאָמיסיע. גלייך נאָכדעם איז אויך צונויפגעקומען די אַלגעמיינע אַרבעטער־קאָנפערענץ, וועלכע האָט באַשטעטיקט דעם איחוד־פּראָיעקט און געגרינדעט די „התאחדות הציונית־הסוציאליסטית של פועלי א״י — אחדות העבודה״. די „פועלי־ציון זיינען אַריינגעטראָטן אין „אחדות־העבודה״. דער „הפועל הצעיר״ דאַקעגן האָט זיך אין דער איחוד־קאָנפערענץ נישט באַטייליקט און די פּאַרטיי האָט פּאָרגעזעצט איר זעלבשטענדיקע עקזיסטענץ.

„אחדות־העבודה״ האָט באַזירט אויפן געדאַנק פון אַן אַלגע־מיינער און אַלץ־אומפאַסנדער פּאַראייניקונג, ד. ה. אַ פּאַראייניקונג וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע אַרבעטער אין לאַנד, מיט אַלע אָן אויסנאַם געביטן פון טעטיקייט: פּראָפעסיאָנעלן, עקאָנאָמישן, קאָלאָניזאַטאָ־רישן, פּאָליטישן און קולטורעלן. די פּאַראייניקונג האָט אָבער נישט באַוויזן אַרומצונעמען אַלע אַרבעטער. דער „הפועל־הצעיר״ איז גע־בליבן אויסער די ראַמען פון „אחדות־העבודה״, און צוליב דער ניי־געשאַפענער לאַגע איז אויך ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאַרטיי־הסתדרות. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָנקורענץ אויפן גאַנצן פראָנט צווישן ביידע אָרגאַניזאַציעס. ס׳זיינען געשאַפן געוואָרן צוויי אַר־בעטס־אַמטן, צוויי עליה־צענטראַלעס, צוויי קראַנקן־קאַסעס, צוויי אונטערנעמונגס־ביוראָען פאַר עפנטלעכע אַרבעטן, אויך אויפן פּראָ־

www.libtool.com.cn

פּעסיאָנעלן געביט האָט זיך געפירט אַ שעדלעכע קאָנקורענץ און ס׳זיינען געשאַפן געוואָרן פּאַראַלעלע פּראָפעסיאָנעלע פּאַראיינען. די רייבונגען צווישן די צוויי קאָנקורירנדע פּאַרטייען האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אויף אַלע לעבנס־שטחים פון אַרבעטער אין לאַנד.

צו יענער צייט (1919—1920) האָט זיך אָנגעהויבן דער שטראָם פון דער דריטער עליה. די קאָנקורענץ צווישן די פּאַרטייען האָט באַזונדערס שטאַרק געטראָפן די נייע עולים. זייער אַנטוישונג איז געווען אַ ביטערע. אַ סך פון זיי זיינען נישט צוגעשטאַנען נישט צו „אחדות־העבודה" און נישט צום „הפּועל־הצעיר" — און ס׳האָט זיך ווידער געשאַפן אַ גרויסע אומפּאַרטייאישע מאַסע.

יוסף טרומפּעלדאָר, וועלכער איז געווען דער פירנדער חבר פון „החלוץ" און האָט זיך צוריקגעקערט קיין א״י, האָט אין יענע טעג אַרויסגעלאָזן אַן אויפרוף צו דער א״י־דיקער אַרבעטערשאַפט וועגן דער לאַגע. אין דאָזיקן אויפרוף איז געקומען צום אויסדרוק די ביטערע אַנטוישונג צוליב דער צערשפּליטערונג אין דער אַרבעטערשאַפט: „ווען כ׳האָב פאַרלאָזן דאָס לאַנד אין אָנהויב פון דער מלחמה, זיינען דאָ געווען צוויי אַרבעטער־פּאַרטייען „הפּועל הצעיר" און „פּועלי־ציון". צווישן זיי איז פאָרגעקומען אַן אידייאישער קאַמף, אָבער אין אַלגעמיינע פראַגן האָט מען געקאָנט געפינען אַן געמיינזאַמע שפּראַך. ס׳האָט עקזיסטירט אַ פאַראייניקטע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, אַ געמיינזאַמע קראַנקןקאַסע. איצט האָבן מיר קיין שום בשותּפותדיקע אינסטיטוציעס. דער „הפּועל־הצעיר" האָט זיין „אַרבעטס־אַמט" און „אחדות העבודה" האָט איר „אַרבעטס־אַמט"; צוויי קראַנקן־קאַסעס, צוויי אָרגאַניזאַציעס פון לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער. ס׳גייט אָן אַ קאַמף צווישן צוויי ריכטונגען ביי די אייזנבאַן־אַרבעטער".

און טרומפּעלדאָר ווענדעט זיך צו דער אַרבעטערשאַפט מיט אַ הייסן רוף „אַרויסצוגיין פון ענגן פּאַרטייאישן קרייז" און אָנצוהויבן אַ בשותּפותדיקע אַרבעט:

„דאָס יידנטום שטייט פאַר זייער וויכטיקע געשעענישן. אין

www.libtool.com.cn

די קומענדיקע חדשים אדער יארן וועט אנטשיידן ווערן דער גורל פון יידישן פאלק אין ארץ־ישראל, צי זיין אדער נישט זיין. געיאגט דורך פאגראמען, וועלכע האבן נישט זייער גלייכן, שטייען די רוסישע יידן אויף דער שוועל פון ארץ־ישראל און בעטן זיך מ׳זאל זיי אריינלאזן. ס׳איז נייטיק א געמיינזאמע אנשטרענגונג פון אלע ארבעטער. יעדע רגע איז טייער. ווער ס׳קומט אריין אין לאנד — ראטעוועט זיך פון א זיכערן טויט אדער פון א לעבן פון אנוסים. יעדע פארשפעטיקונג — וועט זיין א פארברעכן. באמיט זיך דעריבער ארויסצוגיין פון קרייז פון פארטייאישקייט, דערנענטערט זיך איינער צום אנדערן, כדי געמיינזאם צו ארבעטן מיט א ברייט־אפן ברודער הארץ".

דער קאנקרעטער פארשלאג פון טרומפעלדארן גייט נישט ווייט: „די פארטייען בלייבן ווייטער עקזיסטירן, די ארבעטער ווילן אויס דעלעגאטן צו א בשותפותדיקער מועצה (ראט) אויפן יסוד פון פראפארציאנעלע וואלן. די מועצה איז אומפארטייאיש און שאפט געמיינזאמע אינסטיטוציעס. פאראלעל צו דער מועצה ווערן אויך געשאפן אומפארטייאישע פראפעסיאנעלע פאראיינען".

ס׳האבן זיך אנגעהויבן פארהאנדלונגען צווישן די צוויי פארטייען — „אחדות העבודה" און „הפועל הצעיר". די איבערצייגונג, אז ס׳מוז נעמען א סוף צו דער עקזיסטירנדער צעשפליטערונג, איז געווארן אלץ פעסטער ביי אלע חברים. די דאזיקע שטרעבונג קומט צום אויסדרוק אין די אויספירונגען פון דער בשותפות׳דיקער זיצונג פון ביידע פארטייען:

„ס׳ווערט צוזאמענגערופן אן אלגעמיינע קאנפערענץ פון אלע ארץ־ישראל ארבעטער, כדי פעסטצושטעלן די געמיינזאמע טעטיקייט און צו שאפן די געהעריקע ארגאנען דערצו.

די זיצונג שלאגט פאר דער אלגעמיינער קאנפערענץ צו באהאנדלען די פראגע פון געמיינזאמער ארבעט אויף פאלגנדע געביטן: קראנקן־קאסע, „המשביר", עליה־ביורא, אמט פאר ארבעטס־ביוראען, אינסטיטוציע פאר קולטור און פראפעסיאנעלער בילדונג, יורידישע ביורא, ארבעטער־באנק.

www.libtool.com.cn

די פראַגע, צי די צוזאַמענאַרבעט דאַרף זיך אויסדריקן אין שאפן בשותפותדיקע אינסטיטוציעס, אָדער אין גרינדן אַ פאַרבאַנד פון די פראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס — ווערט איבערגעגעבן צו דער אַנטשיידונג פון דער אַלגעמיינער קאָנפערענץ.

די פראַגע פון אויפלייזן די פאַרטייען שטייט נישט אויף דער טאָג־אָרדנונג פון דער קאָנפערענץ".

## ז. די קאָנפערענץ אין חיפה און די גרינדונג פון דער הסתדרות

עס זענען אַריבער כמעט צוויי יאָר זייט דער קאָנפערענץ אין פתח־תקוה. אין משך פון דער צייט איז די אַרבעטער־מחנה שטאַרק אויסגעוואַקסן און איז אויך געוואָרן פילפאַרביקער. די דריטע עליה האָט געבראַכט אַ גרויסן שטראָם פון חלוצישער יוגנט, חברים פון „החלוץ", „צעירי ציון", „השומר הצעיר" א. א. די נייע עולים בילדן שוין די מערהייט און לאָזן זיך שטאַרק פילן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס איז אַ ברוויזנדער עלעמענט, אַדורכגעדרונגען מיט אַ שטאַרקן באַגער צו באַנייען דעם יידישן לעבן און אויפבויען אַ נייע געזעלשאַפט. ס'איז געווען די תקופה פון די כבישים (שאָסייען). ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די ערשטע גרויסע קיבוצים: „גדוד העבודה" (אַרבעטס לעגיאָן) אויפן נאָמען פון יוסף טרומפעל־דאָר, די קיבוצים פון „השומר־הצעיר" און „חבורת העמק".

די נייע עולים דערשיינען אַלס וויכטיקער פאַקטאָר אין דעם אַרבעטער־מחנה, וועלכער פאָדערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער דעם איחוד. אויפן כרמל איז פאָרגעקומען אַ חלוצישער צוזאַמעפאָר („החלוץ", „צעירי ציון", „השומר הצעיר"), וועלכער האָט אַרויס־געשטעלט די אַנטשיידנדיקע פאָדערונג צו גרינדן אַן אַלגעמיינע הסתדרות.

די ערשטע אַלגעמיינע קאָנפערענץ פון די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער האָט זיך געעפנט אין חיפה דעם 5־טן דעצעמבער 1920

www.libtool.com.cn

(חנוכה תרפ״א). אין די וואַלן האָבן זיך באַטייליקט 4433 חברים, וועלכע האָבן אויסגעוויילט 87 דעלעגאַטן.

געעפנט האָט יוסף באַראַץ, אין קורצע אָבער אַנטשלאָסענע ווערטער, וואָס זייער תוכן איז געווען: „פון דער קאָנפערענץ וועלן מיר נישט אַוועקגיין אָן קיין אַרבעטער־אחדות".

די פּראָגראַמאַטישע רעדע האָט געהאַלטן ח׳ ש. יבנאלי. אין זיינע ווערטער האָט זיך אַנטפּלעקט דער גייסטיקער אינהאַלט פון דער צוקונפטיקער הסתדרות: „די אויפגאַבע פון יידישן אַרבעטער און פון גאַנצן דור איז — נישט סתם די פאַרזיכערונג פון אונזער קיום, נאָר די רעטונג פון פאָלק, דער אויפבוי פון ארץ־ישראל און אין רעזולטאַט דערפון — די גאולה פון דעם גרעסטן טייל יידן פון גלות, דאָס איז די אויפגאַבע פון אונזער דור". די דאָזיקע ווערטער האָבן בולט געמאַכט דעם עיקר: דאָס געפיל פון דער באַזונדערער שליחות, וואָס ליגט אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג.

„דער גאון דער יחיד איז נישטאָ. טאָ זאָל אויפשטיין דער קאָלעקטיווער כוח, דער גרעזלשאַפטלעכער גאון, — די יידישע אַרבעטער־געזעלשאַפט, און זאָל זי נעמען אויף זיך די גרויסע און אחריותפולע אויפגאַבע פון גאולת ישראל".

שווער זיינען געווען די ווייען פון איחוד אין פּתח־תקוה, ווען ס׳איז געשאַפן געוואָרן די „אחדות העבודה", אָבער אויך אין חיפה האָט נישט געהערשט קיין אידיליע. אין ליידן איז געבוירן געוואָרן די אַלגעמיינע הסתדרות. יעדער שריט פאָראויס איז דערגרייכט געוואָרן אין אַ שווערער ראַנגלעניש. דער קאָנפערענץ אין חיפה איז געלונגען דאָס, וואָס עס איז נישט געלונגען דער קאָנפערענץ אין פּתח־תקוה: צו פאַרייניקן דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס אין לאַנד. דערפאַר אָבער האָט די אַלגעמיינע הסתדרות, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן אין חיפה, נישט אַרומגענומען אַלע אַרבעטס־געביטן, אַלע לעבנס־ענינים פון אַרבעטער־קלאַס.

ס׳זיינען געמאַכט געוואָרן געוויסע באַגרענעצונגען, און וויכטיקע אַרבעטס־צווייגן זיינען פאַרבליבן פאַרלויפיק אויסער דער

www.libtool.com.cn

טעטיקייטס־ראַם פון דער הסתדרות. ס׳איז פאָרגעקומען אַ שווערער קאַמף אויף דער קאָנפערענץ וועגן פאַרנעם פון די אינטערעסן און קאָמפּעטענצן פון דער הסתדרות. דער ויכוח, למשל, איבער דעם צי די הסתדרות מעג זיך פאַרנעמען מיט קולטורעלע פראַגן, נאָכדעם ווי די פּאַרטייען בלייבן עקזיסטירן. דעריבער האָט מען געמאַכט אַ פשרה: „דערליידיקונג פון אַלע קאָלאָניזאַטאָרישע, עקאָנאָמישע און אויך קולטורעלע ענינים פון אַרבעטער־כלל אין לאַנד״. מיטן וואָרט „אויך״ האָט מען געוואָלט באַגרענעצן דעם פאַרנעם פון דער קולטורעלער אַרבעט, און אַ גרויסער טייל דערפון איז געבליבן אויסער די ראַמען פון דער הסתדרות. און דאָס איז נישט די איינציקע באַגרענעצונג, וואָס איז דאַן געמאַכט געוואָרן. דער גאַנצער וועג פון דער קאָנפערענץ איז געווען פול מיט שטרויכלונגען, אָבער זי האָט זיי איבערגעוווּנדן און איז אַרויס בשלום.

ס׳האָט געזיגט דער געדאַנק פון אַרבעטער־אחדות, ס׳האָט געזיגט דאָס געפיל פון דער אחריות, וועלכע ליגט אויף די אַרבעטער צו ראַטעווען דאָס פאָלק און אויסלייזן די יידן פון גלות. ס׳האָט געזיגט „דער קאָלעקטיווער כוח, דער „געזעלשאַפטלעכער גאון״ — און די הסתדרות הכללית איז געגרינדעט געוואָרן.

www.libtool.com.cn

III.

# ווי אַזוי איז די הסתדרות געבויט?

## א

דער פולער נאָמען פון דער הסתדרות איז: ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בא״י, ד. ה. די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון די יידישע אַרבעטער אין א״י. די הסתדרות שטרעבט טאַקע אַרומצונעמען אַלע יידישע אַרבעטער אין לאַנד אָן אויסנאַם. לויט אירע סטאַטוטן, קען צו איר געהערן יעדער אַרבעטס־מענטש, וועלכער עקספּלאָאַטירט נישט קיין אַנדערן מענטש, און איז אַלט 18 יאָר און העכער. די הסתדרות פרעגט נישט אויף דעם פּאָליטישן פּאַספּאָרט פון דעם חבר, וועלכער וויל זיך אָן איר אָנשליסן. עס געהערן צו איר חברים פון פאַרשידענע אָנשויאונגען און פּאָליטישע ריכטונגען, סאָציאַליסטן ווי נישט־סאָציאַליסטן, רעליגיעזע ווי נישט־רעליגיעזע. אין געביט פון אָנשויאונגען איז יעדער חבר פריי, עס פאַרפליכטעט אָבער אַ דיסציפּלין פון מעשים.

איז די הסתדרות ווירקלעך געוואָרן די „אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון די יידישע אַרבעטער אין א״י? האָט זי טאַקע רעכט צו טראָגן אָט דעם נאָמען? זי האָט, אָן צווייפל, דאָס פולע רעכט דערצו, ווייל איר איז געלונגען אַרומצונעמען די איבערוויגנדע מערהייט פון אַלע יידישע אַרבעטער אין א״י, מער אַלס 70%. דאָס איז אַ גאָר גרויסע דערגרייכונג אין פאַרגלייך מיט אַנדערע לענדער. און דאָך קאָן די הסתדרות נישט משלים זיין מיטן פאַקט, וואָס טויזנטער יידישע אַרבעטער געפינען זיך פאָרלויפיק אויסער אירע ראַמען. דאָס רוב פון זיי זיינען נישט אָרגאַניזירט, אַ טייל פון זיי געהערן צו פאַרשידענע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס (ווי „הפועל המזרחי״ א.א.). אָט דער פאַקט, וואָס עס עקזיסטירן אַרבעטער־גרופּירונגען אויסערהאַלב דער הסתדרות — ברענגט פיל שאָדן דער אַרבעטער־זאַך אין א״י און אונזער גאַנצער אויפבוי־אַרבעט. די אונטערנעמער פּרווון אָפט

www.libtool.com.cn

אויסצושפּילן די מינדערהייטס־גרופּן, באַזונדערס די רעוויזיאָניסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע (די אַזוי־גערופענע „הסתדרות עובדים לאומית״) קעגן דער הסתדרות און אַרויסרופן רייבונגען צווישן זיי, כדי אויף אַזאַ אופן אָפּצושוואַכן דעם אַרבעטער־כוח. באַמיט זיך טאַקע די הסתדרות, עס זאָל וואָס קלענער ווערן דער שטח פון רייבונגען צווישן איר און די מינדערהייטס־גרופּן. צו דעם צוועק האָט זי מסכים געווען, עס זאָל געשאַפן ווערן די לשכת־העבודה הכללית (אַלגעמיינער אַרבעטס־אַמט), וועלכער געפינט זיך אין רשות פון אַלע אַרבעטער אין לאַנד, צו וועלכער אָרגאַניזאַציע זיי זאָלן נישט געהערן.

אין דער הסתדרות עקזיסטירן פּאַרטייען, אָבער די הסתדרות איז נישט קיין פעדעראַציע פון פּאַרטייען, ווו באַשלוסן ווערן אָנגענומען בלויז מיט דער הסכמה פון אַלע פּאַרטייען, נאָר אַ אָרגאַניזאַציע, וועלכע באַשליסט מיט אַ מערהייט שטימען ווען אפילו אַ פּאַרטיי אָדער עטלעכע פּאַרטייען זיינען קעגן אָט דעם באַשלוס. ווייל די הסתדרות איז געבויט אויפן פּרינציפּ פון פּערזענלעכער מיטגלידערשאַפט (חברות אישית), ד.ה. יעדער חבר געהערט דירעקט, אַלס יחיד, צו דער הסתדרות און נישט דורך זיין פּאַרטיי.

די קאָמפּעטענצן און דער פאַרנעם פון די ענינים, וועלכע ווערן באַהאַנדלט אין דער הסתדרות, זיינען זייער ברייטע. הגם ביי דער גרינדונג פון דער הסתדרות זיינען איר'ע קאָמפּעטענצן געוויסערמאַסן באַגרענעצט געוואָרן, דאָך אין משך פון דער צייט זיינען זיי אַלץ ברייטער און ברייטער געוואָרן, אַזוי אַז היינט צו טאָג ווערן כמעט אַלע פראַגן פון אַרבעטער־לעבן באַהאַנדלט אין דער הסתדרות.

## ב.

לאָמיר זען, ווי אַזוי ס'איז געבויט דער אָרגאַניזאַציאָנאַלער בנין פון דער הסתדרות, און לאָמיר אָנהויבן פון אונטן, פון דעם גרונט־קעמערל, און זען, ווי אַזוי עס זיינען די אַרבעטער אָרגאַניזירט אין

www.libtool.com.cn

דער איינצלנער אונטערנעמונג, (ווי למשל אַ פֿאַבריק, אַ האַנדלס־אונטערנעמונג, אַ באַנק, אַ געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציע, אָדער אַ וועלכער ס'איז אַנדער אַרבעטס־פּלאַץ, ווו עס זיינען קאָנצענטרירט אַ גרעסערע צאָל אַרבעטס־מענטשן).

דער פּרינציפּ איז אַ פּשוטער: אַלע אַרבעטער און אָנגע־שטעלטע, וואָס זיינען באַשעפֿטיקט אין דער דאָזיקער אונטערנעמונג, ווײלן אויס אַן אַרבעטער־קאָמיטעט (ועד הפּועלים אָדער ועד העובדים). די מיטגלידער פֿון דעם ועד הפּועלים ווערן אויסגעווײלט מיט אַ מערהייט שטימען. אָט דער ועד הפּועלים בילדעט די ערשטע שטאַפּל אין דעם אָרגאַניזאַציאָנס־לייטער פֿון דער הסתדרות.

די צווייטע שטאַפּל — איז די אגודה מקצועית (פּראָפֿע־סיאָנעלער פֿאַריין). זי נעמט אַרום אַלע אַרבעטער פֿון געגעבענעם פֿאַך אין דער שטאָט אָדער מושבה. אַזוי עקזיסטירן אין א״י אין די גרעסערע שטעט פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען פֿון פֿאָלגנדע פֿאַכן: בוי און עפֿנטלעכע אַרבעטן; בוי־מאַטעריאַלן; האָלץ; מעטאַל און עלעקטרע; טראַנספּאָרט; באַן, פּאָסט און טעלעגראַף; ים, פֿישעריי און פּאָרט; נאַפֿט און כעמישע אינדוסטרי; טעקסטיל; נאָדל; לעדער; דרוק און פּאַפּיר; טאַבאַק; באַאַרבעטונג פֿון בריליאַנטן; געמישטע אינדוסטרי: בעקעריי; שפּייז־פּראָדוקטן; האָטעלן און קיכן; אָנגע־שטעלטע; אינזשענערן; מעדיצין־אַרבעטער; קונסט־אַרבעטער; לע־רער; שמשים אין די שולן און אין די קינדער־גערטנער; הויז־אַרבעט; שערער; וועכטער א.א.

די מערהייט פֿאַכן האָבן נישט קיין לאַנדעס־צענטראַלעס און זיינען אָרגאַניזירט אין די ראַמען פֿון דער איינצלנער שטאָט. זיי זיינען אונטערגעוואָרפֿן דער מועצת הפּועלים אין דער געגעבענער שטאָט.

די דריטע שטאַפּל איז — די מועצת הפּועלים (אַרבע־טער־ראַט). דאָס איז די העכסטע אינסטאַנץ פֿון דעם אַרבעטער־כּלל אין דער געגעבענער שטאָט אָדער מושבה. זי פֿירט אָן מיט אַלע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען און מיט אַלע אָרטיקע אַרבעטער־ענינים

www.libtool.com.cn

(עקאָנאָמישע, קולטורעלע, מוניציפּאַלע א.א.). זי ווערט אויסגעוויילט דורך אַלע אַרבעטער פון דער שטאָט אָדער מושבה, דורך אַלגעמיינע און פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן. די מועצת הפועלים ווערט אויף אַזאַ אויפן צוזאַמענגעשטעלט נישט דורך דעם, וואָס די באַזונדערע פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען שיקן אַריין זייערע פאָרשטייער, נאָר זי ווערט אויסגעוויילט דירעקט דורך אַלע אַרבעטער אין שטאָט, אָן אונטערשייד פון פאַך.

די פּערטע שטאַפּל בילדען די פאַרשידענע לאַנדעס־אָרגאַני־זאַציעס. הגם די מערהייט פאַכן זיינען אָרגאַניזירט אין די ראַמען פון דער איינצלנער שטאָט און האָבן נישט קיין לאַנדעס־צענטראַלע, דאָך עקזיסטירט אַ רייע לאַנדעס־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע נעמען אַרום אַלע אַרבעטער, וואָס זיינען באַשעפטיקט אין איין פאַך אָדער ווירט־שאַפטס־צווייג.

1. די הסתדרות החקלאית איז די גרעסטע און וויכ־טיקסטע צווישן זיי. זי נעמט אַרום אַלע אַרבעטער אין דער מושבה, מושב, קיבוץ און קבוצה. אָנהויב 1947 האָט זי געציילט קרוב 60 טויזנט מיטגלידער.

דער עקזעקוטיוו־אָרגאַן פון דער הסתדרות חקלאית איז דער מרכז חקלאי, וועלכער ווערט אויסגעוויילט דורך דער ועידה חקלאית (דעם צוזאַמענפאָר פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער).

2. די הסתדרות הפקידים — איז די לאַנדעס־אָרגאַ־ניזאַציע פון די באַאַמטע און אָנגעשטעלטע אין די פאַרשידענע ווירט־שאַפטלעכע אונטערנעמונגען, בענק, האַנדלס־אונטערנעמונגען, שטאָט־פאַרוואַלטונגען, נאַציאָנאַלע און הסתדרותישע אינסטיטוציעס א.א.

3. די הסתדרות המהנדסים, הארכיטקטים והמודדים — איז די לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע פון די אינזשענערן, אַרכיטעקטן און מעסטער.

4. הסתדרות פועלי הרכבת, הדואר והטלגרף — איז די לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע פון די יידישע באַן, פּאָסט און טעלע־גראַף אַרבעטער.

www.libtool.com.cn

5. הסתדרות פועלי הבנין — איז די לאַנדעס־אָרגאַ־ניזאַציע פון די אַרבעטער, וואָס זיינען באַשעפטיקט אין דער בוי־אַרבעט און אין די עפנטלעכע אַרבעטן.

6. הסתדרות פועלי היהלומים — איז די לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער, וואָס זיינען באַשעפטיקט אין דער באַאַרבעטונג פון די בריליאַנטן.

אָט די אַלע אויבנדערמאָנטע לאַנדעס־אָרגאַניזאַציעס טראָגן אַ פּראָפעסיאָנעלן כאַראַקטער (אויסער דער הסתדרות חקלאית, וואָס האָט אַ פיל ברייטערן כאַראַקטער און איז אַ וויכטיקער אינסטרומענט פאַר דער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט און פאַר דער פאַרפעסטיקונג פון דער יידישער אַרבעט אין דער מושבה). אויסער זיי עקזיסטירן אין דער הסתדרות נאָך אייניקע לאַנדעס־אָרגאַניזאַציעס:

א) הסתדרות הנוער העובד, די אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעטער־יוגנט, נעמט אַרום יוגנטלעכע פון 10 ביז 18 יאָר. די הסתדרות הנוער העובד (אָדער קורץ: הנוער העובד) זאָרגט פאַר די פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן פון די יוגנטלעכע אַרבעטער, פירט אַ קולטורעלע טעטיקייט צווישן זיי און ערציט זיי אין אַ חלוצישן גייסט פון הגשמה עצמית (זעלבסט־פאַרווירקלעכונג), אָרגאַניזירט הכשרה־גרופּן אין דער לאַנדווירטשאַפט. אַדאַנק דעם הנוער העובד זיינען געשאַפן געוואָרן אין א״י אַ רייע לאַנדווירטשאַפטלעכע פונקטן, קיבוצים, קבוצות און מושבים, (ווי, למשל, נען, גנוסר, חולתה, בית שערים, אלומות א.א.).

ווען דער חבר פון הנוער העובד ווערט אַלט 18 יאָר — גייט ער אַריבער אין די הסתדרות.

ב) מועצת הפועלות — דער אַרבעטערין־ראַט, אָדער ריכטיקער געזאָגט: די לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטערינס. צו איר געלערן אַלע פרויען לוין־אַרבעטערינס, די חברות אין די מושבים, קבוצות און קיבוצים, ווי אויך די פרויען פון די אַרבעטער, וועלכע זיינען באַשעפטיקט ביי זיך אין דער היים.

די מועצת הפועלות פירט אַ פאַרצווייגטע אַרבעט אין פאַר־

www.libtool.com.cn

שידענע געביטן: לאַנדווירטשאַפלעכע הכשרה דורך די משקי הפועלות; פאַך־אויסבילדונג פאַר דער פועלת אין שטאָט און מושבה; סאָציאַלע אַרבעט; קולטור און ערציאונג. זי זאָרגט אויך פאַר דער אַקטיווי־זירונג פון דער פרוי אויף פאַרשידענע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אין דעם ישוב און אין דער הסתדרות.

די אַרבעטער־פרוי, וועלכע איז באַשעפטיקט ביי זיך אין דער היים, האָט אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע וועלכע הייסט: ארגון אמהות עובדות; דער דאָזיקער ארגון אמהות עובדות אַנטוויקלט אַ גאַנץ וויכטעקע אַרבעט, בעיקר אויפן סאָציאַלן און ערציערישן געביט.

ג) „הפועל" — איז די לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע פאַר פיזישער קולטור און ספּאָרט. די אויפגאַבע פון „הפועל" איז צו אַנטוויקלען דעם ספּאָרט און די פיזישע קולטור צווישן די ברייטע אַרבעטער־שיכטן און ער האָט צו פאַרצייכנען גאָר וויכטיקע דערגרייכונגען אויפן דאָזיקן געביט.

די העכסטע שטאַפּל אין דעם אָרגאַניזאַציע־בנין פון דער הסתדרות בילדן:

א) ועידת ההסתדרות — די אַלגעמיינע קאָנפערענץ, וועלכע ווערט אויסגעווײלט איינמאָל אין 2—3 יאָר דורך פּראָ־פּאָרציאָנעלע וואַלן.

ב) מועצת ההסתדרות (די ראָט פון דער הסתדרות), וועלכע ווערט אויסגעווײלט דורך דער ועידה אויף פּראָפּאָרציאָנעלע יסודות. זי איז די העכסטע אינסטאַנץ פון דער הסתדרות צווישן איין קאָנפערענץ און דער צווייטער.

ג) דער ועד הפועל — די עקזעקוטיווע פון דער הסתד־רות, וועלכע ווערט אויסגעווײלט דורך דער מועצה.

אין דער הסתדרות עקזיסטירן אויך אינסטיטוציעס פאַר קאָנטראָל און אויפזיכט. דאָס איז די ועדת הבקורת המרכזית — די צענטראַלע קאָנטראָל־קאָמיסיע און די ועדים מבקרים,

www.libtool.com.cn

די אָרטיקע קאָנטראָל־קאָמיסיעס ביי די מועצות־הפועלים אין די שטעט און מושבות.

אויסערדעם איז אין דער הסתדרות דאָ אַ חברים־געריכט (משפט חברים) און בית־הדין העליון, אַלס העכערע אינסטאַנץ.

ג.

די הסתדרות האָט געציילט אין אָנהויב 1947 יאָר קרוב צו 170.000 מיטגלידער. אין דער צאָל זיינען איינגערעכנט אויך די פרויען פון די אַרבעטער. ווייל לויט די סטאַטוטן פון דער הסתדרות — איז נישט בלויז די אַרבעטערין, נאָר אויך די פרוי פונם אַרבעטער, ווען אַפילו זי אַרבעט בלויז ביי זיך אין שטוב, דאַרף געהערן צו דער הסתדרות.

די מיטגלידערשאַפט פון דער הסתדרות האָלט אין איין וואַקסן און צוגלייך שטייגט איר כוח און געוויכט אין דעם ישוב. די הסתדרות האָט אָנגעהויבן מיט אַ צאָל פון 4433 מיטגלידער (אָנהויב 1921) און איז געוואַקסן במשך די 26 יאָר פון איר עקזיסטענץ (ביז אָנהויב 1947) — 38 מאָל. אין דער זעלבער צייט איז דער יידישער יישוב אין א״י געשטיגן פון 66.500 נפשות ביז 650.000, ד.ה. בערך 10 מאָל. מיר זעען באַשיינפערלעך, אַז דער כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט אין ישוב איז געשטיגן אויך פּראָצענטועל. די הסתדרות־מיטגלידערשאַפט, צוזאַמען מיט די פאַמיליען־אָנגעהעריקע (קינדער, עלטערן) מאַכט אויס היינט צו טאָג — קרוב 40 פּראָצ. פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין א״י.

די מערהייט פון די הסתדרות־מיטגלידער געפינט זיך אין שטאָט (אָנהויב 1947—63 פּראָצענט). אין דאָרף לעבן אַזוי אַרום אַרום 37 פּראָצ. אָבער דאָס באַגריף „דאָרף" נעמט אַרום אין א״י גאַנץ פאַרשידנאַרטיקע זידלונגען: מושבות, מושבים, קבוצות און קיבוצים. אַ טייל פון די מושבות פאַרלירן וואָס ווייטער אַלץ מער זייער לאַנדווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער און ווערן טיילווייז פאַר־וואַנדלט אין אינדוסטריעלע פונקטן. איז דעריבער דער פּראָצענט

www.libtool.com.cn

אַגריקולטור־אַרבעטער אין דער הסתדרות פיל נידריקער ווי 37 פראָצ. די סטרוקטור פון דער הסתדרות־מיטגלידערשאַפט לויט די וויכטיקסטע עקאָנאָמישע צווייגן (אָנהויב 1947) איז געווען פאָלגענדע:

| | |
|---|---|
| לאַנדווירטשאַפט | 27,2% |
| אינדוסטרי און האַנדווערק | 26,4% |
| בוי און עפנטלעכע אַרבעטן | 10,6% |
| טראַנספּאָרט | 5,2% |

מיר זעען, אַז כמעט 70% פון דער הסתדרות־מיטגלידערשאַפט זיינען באַשעפטיקט אין פראָדוקציע־צווייגן (אריינרעכנענדיק טראַנס־פּאָרט). אַזאַ הויכן פּראָצענט האָט נישט די יידישע אַרבעטערשאַפט אין קיין שום לאַנד אויף דער וועלט.

www.libtool.com.cn

IV.

# קעגנזייטיקע הילף

## א

קעגנזייטיקע הילף — איז איינע פון די הויפּט־יסודות, וועלכע באַשטימען דעם אינהאַלט פון יעדער אַרבעטער־באַוועגונג. דער אַרבעטער דער יחיד פילט זיך פּאַראייניזאַמט און פּאַריתומט. אין די שווערע מאָמענטן פון זיין לעבן, ווי אַרבעטסלאָזיקייט, קראַנקהייטן, פּאַרשידענע אומגליקן, אין צייטן פון שאַרפער נויט — קען דער איינצעלנער אַרבעטער לייכט פאַלן, אויב ער וועט נישט באַקומען קיין חברישע הילף פון אַנדערע אַרבעטער, פון אַרבעטער־כלל.

נאָך מער — אין ארץ ישראל, אין אַ לאַנד וואָס מען דאַרף ערשט אויפבויען, ווו די וויסטעניש איז נאָך גרויס און דער עולה דאַרף זיך ערשט צופּאַסן צו נייע קלימאַטישע און לעבנס־באַדינגונגען. דער יחיד וועט נישט מצליח זיין, ער וועט נישט קענען אויסהאַלטן אָן אַ חברישער קעגנזייטיקער הילף. דאָס עצם לעבן פון די אַרבעטער אין ארץ ישראל טרייבט זיי צו אַ ברייטער קעגנזייטיקער הילף און קעגנזייטיקער אחריות.

איז טאַקע די עזרה הדדית (די קעגנזייטיקע הילף) אַ גרונט־שטיין, אויף וועלכן עס ווערט געבויט די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג אין א״י: נישט בלויז די אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע (מושבים, קבוצות און קיבוצים), נאָר די גאַנצע טעטיקייט פון דער הסתדרות אין אַלע אירע אָפּצווייגונגען און קעמערלעך, איז דורכגעדרונגען מיט דעם דאָזיקן גייסט פון קעגנזייטיקער הילף.

ד. בן־גוריון האָט געגעבן אַ קלאַסישן אויסדרוק אָט דעם גייסט פון חברישקייט און קעגנזייטיקער הילף אין די פּאָלגנדע ווערטער:

„— — — דער גרעסטער מענטשלעכער ווערט, וואָס אונזער באַוועגונג האָט געשאַפן, וואָס אָן דעם וואָלטן מיר נישט געקענט

www.libtool.com.cn

עקזיסטירן און גיין פאָראויס — איז די ח ב ר י ש ק י י ט. און חבריש־קייט מיינט נישט בלויז קיין אָרגאַניזאַטאָרישע זאַך, מיינט נישט בלויז דאָס אָנגעהערן צו דער הסתדרות, מיינט נישט בלויז נעמען אויף זיך געזעלשאַפטלעכע אָדער הסתדרותישע דיסציפּלין. חברישקייט איז פיל מער: דאָס מיינט די באַציונגען צווישן די אַרבעטער צווישן זיך, די קעגנזייטיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די מענטשן, וואָס זיינען שותפים צום גורל. חברישקייט באַדייט זיך אידענטיפיצירן מיטן גורל פון אַן אַנדערן מענטש, דאָס איז דאָס באַוווסטזיין, אַז אויב דו ביסט אַרבעטסלאָז, איז עס נ אָ ר אַ צ ו פ אַ ל, און איך קען זיין אַרבעטסלאָז פונקט ווי דו; דאָס מיינט אַז אויב דו ביסט געפאַלן ביי דער פאַרטיידיקונג, איז עס נאָר אַ צ ו פ אַ ל, און איך האָב געקענט געהרגעט ווערן פונקט ווי דו. חברישקייט דאָס איז דאָס באַוווסטזיין וועגן דער גורל־געמיינשאַפט פון די אַרבעטער. אָן דעם באַוווסטזיין, אָן דעם דאָזיקן טיפן געפיל אין הארצן, איז נישטאָ קיין הסתדרות און ס'איז נישטאָ קיין אַרבעטער־באַוועגונג. נאָר מיטן מעכאַנישן כוח פון אַנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציע — וועט נישט קענען אויסהאַלטן קיין שום אַרבעטער־באַוועגונג.

אויב מיר האָבן צענדליקער יאָרן אויסגעהאַלטן גרעסערע שוועריקייטן ווי די איצטיקע און אויב מיר זיינען פון אַ קלייגער צאָל מענטשן געוואָרן אַ כוח — איז דאָס בזכות פון אָט דער חברישקייט".

## ב

די הסתדרות האָט אויפגעשטעלט אַ פאַרצווייגטע נעץ פון אַנשטאַלטן פאַר קעגנזייטיקער הילף, וועלכע פאַרענטפערן פאַר־שידענע נויטן און פאַרשידענע מאָמענטן אין דעם אַרבעטער־לעבן. די דאָזיקע אַנשטאַלטן זיינען: קופּת־חולים, קרן נכות, קרן חוסר עבודה, „משען", „מציב", „דור לדור".

די וויכטיקסטע אינסטיטוציע איז די ק ו פּ ת ח ו ל י ם (די קראַנקן־קאַסע). זי איז איינע פון די עלטסטע אַרבעטער־אינסטי־טוציעס, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן שוין אין 1912 יאָר, ד. ה.

www.libtool.com.cn

8 יאָר פאַר דער גרינדונג פון דער הסתדרות. די קופת חולים איז די גרעסטע אינסטיטוציע אין א״י אויפן געביט פון געזונדהייטס־וועזן און זי באַדינט 45 פּראָצענט פון דעם גאַנצן יידישן יישוב. איר מעדיצינישער און טעכנישער פּערסאָנאַל (דאָקטורים, קראַנקן־שוועס־טער, אַפּטייקער, דענטיסטן, באַקטעריאָלאָגן, אַדמיניסטראַציע א.א.וו.) איז העכער 2000 מאַן. די קופת־חולים איז טעטיק אין קרוב 300 פּונקטן. זי באַגלייט מיט מעדיצינישער הילף יעדן נייעם יידישן יישוב. אירע אַמבולאַטאָריעס און הייל־אַנשטאַלטן זיינען צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. אין רשות פון קופת־חולים געפינען זיך שפּיטאָלן, סאַנאַטאָריעס און אָפּרו־לאַגערן; עס עקזיסטירן אויך סטאַנציעס פאַר זויג־קינדער, באַראַטונגס־שטעלן פאַר פרויען און יוגנט, רענט־גען־אַנשטאַלטן און פיל אַנדערע מעדיצינישע אַנשטאַלטן.

קרן נכות (אינוואַלידן־פאָנד) זאָרגט פאַר מענטשן וואָס ליידן פון כראָנישע קראַנקהייטן אָדער וואָס זיינען געוואָרן אינוואַ־לידן און פאַרלאָרן זייער אַרבעטס־פעאיקייט. די קרן נכות גיט די קראַנקע מעדיצינישע הילף, אָרדנט זיי איין אין סאַנאַטאָריעס, און מען דאַרף פעסטשטעלן, אַז אַ גרויסע טייל פון זיי ווערט צוריק געזונט און אַרבעטס־פעאיק, הגם ניט שטענדיק אין דער פולער מאָס. די קרן נכות זאָרגט אויך אויסגעפינען פאַר זיי פּאַסיקע אַרבעט.

קרן חוסר עבודה איז אַ פאָנד צו באַקעמפן די אַרבעטס־לאָזיקייט, וועלכע ברעכט אויס אינ א״י אין צייטן פון עקאָנאָמישן קריזיס. די קרן חוסר עבודה באַקעמפט די אַרבעטסלאָזיקייט אויף אַ קאָנסטרוקטיוון וועג, דורך דעם וואָס זי שאַפט אַרבעטן, מאָביליזירט קאַפּיטאַלן, און באַמיט זיך צו באַווייזן אויפסניי די רעדער פון עקאָ־נאָמישן לעבן. זי באַטראַכט נישט אַלס איר הויפּט־ציל צו העלפן דעם איינצעלנעם אַרבעטסלאָזן, דורך געלט־אונטערשטיצונג (צו דעם צוועק עקזיסטירט „משען״), נאָר זי באַמיט זיך צו לינדערן די אַרבעטס־לאָזיקייט דורך שאַפן נייע אַרבעטן, דורך איניציאירן נייע אונטער־נעמונגען. אַזוי אַרום העלפט די קרן חוסר עבודה דעם אַרבעטסלאָזן אויף אַ קאָנסטרוקטיוון וועג — דורך אַרבעט.

www.libtool.com.cn

„מ ש ע ן" — איז אַן אינסטיטוציע וואָס גיט הילף דעם אַרבעטער, דעם יחיד, אין די פאַרשידענע מאָמענטן פון נויט, ווען דער חבר נויטיקט זיך אין אַ געוויסער געלט־אונטערשטיצונג. אַט די הלוואה, וועלכע ער באַקומט, צאָלט ער אויס צוריק, ווען זיין לאַגע פאַרבעסערט זיך און ער איז ביכולת אויסצוצאָלן. „משען" איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1936, ווען עס איז אויסגעבראָכן דער עקאָנאָמישער קריזיס און צוזאַמען מיט אים — די אַרבעטסלאָזיקייט. „משען" האָט דאַן געלייסטעט זייער פיל פאַר די אַרבעטסלאָזע, סיי מיט געלט און סיי דורך פאַרקויפן ביליקע שפייז־פּראָדוקטן, דורך עפענען קיכן פאַר אַרבעטסלאָזע א. א.

אָבער אויך ווען די אַרבעטסלאָזיקייט איז פאַריבער, האָט „משען" נישט פאַרלוירן זיין באַדייטונג. להיפך, ער האָט זיך איינגעוואָרצלט אין דעם אַרבעטער־לעבן און געוואָרן איינע פון די פאָפּולערסטע אינסטיטוציעס, ווייל ביי יעדער עקאָנאָמישער קאָניונקטור זענען דאָ פיל פאַרשידענע נויט־פאַלן אויף דער אַרבעטער־גאַס. „משען" איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ וויכטיקער פאָנד פאַר סאָציאַלער הילף אין דער אַרבעטערשאַפט.

„מ צ י ב" — איז אַ פאָנד, וואָס זיין אויפגאַבע איז צו העלפן דער משפחה פון אַ הסתדרות־מיטגליד, אין פאַל ווען עס שטאַרבט דער פרנסה־געבער. עס ווערט דאַן געגעבן דער משפחה אַן איינמאָליקע געלט־שטיצע.

„ד ו ר ל ד ו ר" — איז אַ פאָנד, וואָס דאַרף זאָרגן פאַר די חברים פון דער הסתדרות, ווען זיי ווערן אַלט און קענען מער נישט אַרבעטן. דער געדאַנק פון „דור לדור" איז, אַז יעדער חבר פון הסתדרות, ווען ער דערגרייכט אַ געוויסן עלטער (65 יאָר אַ חבר און 62 יאָר אַ חברה) דאַרף באַקומען אַ געוויסן מאָנאַטלעכן אָפּצאָל פון דער הסתדרות.

ג

אַט די ברייט־פאַרצווייגטע נעץ פון אינסטיטוציעס פאַר קעגנזייטיקער־הילף ווערט געטראָגן אין א״י דורך דער אַרבעטערשאַפט

www.libtool.com.cn

אַליין. ביי די אומות העולם שטיצן די רעגירונג און די אָרטיקע זעלבסטפאַרוואַלטונגען די קראַנקן־קאַסעס פון די אַרבעטער. זיי זאָרגן אין אַ באַדייטנדער מאָס אויך פאַר דעם אַרבעטסלאָזן, פאַר דעם עלטערן אַרבעטער א.א.וו. אין א״י אָבער פאַלט דער עיקר־לאַסט אויף דער אַרבעטערשאַפט. נעמען מיר דעם בודזשעט פון דער גרעסטער אינסטיטוציע — די קופת חולים, זעען מיר אַז 84 פראָצענט פון איר בודזשעט ווערט געדעקט דורך די אַרבעטער, אַרום 15 פראָצענט ברענגט אַריין דער אַזוי־גערופענער מס מקביל (פון די אַרבעטס־געבער).

די עיקר־עקזיסטענץ פון די אינסטיטוציעס פאַר קעגנזייטיקער הילף באַזירט זיך אויף דעם מ ס א ח י ד (איינהייטלעכער שטייער). דער מס אחיד שליסט איין אַלע פאַרשידענע שטייערן, וואָס דער הסתדרות־מיטגליד האָט פריער געצאָלט באַזונדער: מס ההסתדרות (מיטגליד־אָפּצאָל פאַר דער הסתדרות). מס קופת חולים, קרן שביתה (שטרייקן־פאָנד), מס תרבות (אָפּצאָל פאַר קולטור־אַרבעט), מס חינוך (אָפּצאָל פאַר דערציונג) א. א.

עס איז וויכטיק צו פעסטשטעלן, אַז כמעט דריי פערטל פון די הכנסות פון מס אחיד ווערן איבערגעגעבן די אינסטיטוציעס פון קעגנזייטיקער הילף.

דער מס אחיד איז אַ פּראָגרעסיווער שטייער, ד.ה. די וואָס פאַרדינען ווייניקער — צאָלן אַ קלענערן פּראָצענט פון זייער פאַר־דינסט, ווי די מער פאַרמעגלעכע שיכטן אין דער הסתדרות. אָבער די רעכט צו געניסן פון קופת חולים און פון די אַנדערע אינסטי־טוציעס פאַר קעגנזייטיקער הילף זיינען ג ל י י כ ע פאַר אַלע חברים פון הסתדרות, אָן אונטערשייד פון דעם גרויס פון דעם אָפּצאָל, וואָס דער חבר צאָלט דער הסתדרות. דאָס הייסט, אַז די הסתדרות באַקומט פון יעדן חבר לויט זיינע מעגלעכקייטן, און זי באַפרידיקט יעדן חבר לויט זיינע נויטן. אין דער הינזיכט אונטערשיידעט זיך די קופת חולים אין א״י פון די קראַנקן־קאַסעס אין אַנדערע לענדער, ווו די גרויס פון די מיטגלידס־אָפּצאָלונגען באַשטימט די מאָס פון געניסן פון דער אינסטיטוציע.

www.libtool.com.cn

.V

## חברת העובדים

יעדער חבר, וואָס טרעט אַריין אין די הסתדרות, ווערט גלייכ־צייטיק אַ מיטגליד אויף אין דער „חברת העובדים" (איר פולער נאָמען איז: חברת העובדים העברים השיתופית הכללית בארץ ישראל).
„חברת העובדים" איז די אַלגעמיינע ראָם, וואָס די הסתדרות האָט געשאַפן פאַר אירווירטשאַפטלעכער טעטיקייט.

די הסתדרות האָט אַנטוויקלט אַ פילזייטיקע, ברייט־פאַר־צווייגטע ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט, וועלכע נעמט אַרום די פאַר־שידנסטע געביטן: אַגריקולטור, אינדוסטרי, טראַנספּאָרט, בוי־אונטער־נעמונגען, געברויך, קויף און פאַרקויף, עקספּאָרט און אימפּאָרט, בוי פון דירות, פינאַנסן, פאַרזיכערונג, ים־וועזן און לופט־וועזן.

אויף אַ רייע ווירטשאַפטלעכע געביטן איז די אַרבעטערשאַפט געווען די פּיאָנערין און די פאָרגייערין, דער איניציאַטאָרישער כוח, וועלכער האָט דורכגעבראָכן אַ וועג פאַרן גאַנצן ישוב. אָן דער הסתדרות וואָלט דער ישוב בשום אופן נישט דערגאַנגען צו יענער מדרגה פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, אויף וועלכער ער געפינט זיךביים היינטיקן טאָג.

געשטויסן דורך גרויסע נאַציאָנאַלע אימפּולסן און באַפליגלט דורך אַ סאָציאַלער וויזיע פון פרייער זעלבסטשטענדיקער אַרבעט, האָט די הסתדרות אויפגעשטעלט אַ גרויסאַרטיקן ווירטשאַפטלעכן בנין אין רשות פון דעם אַרבעטער־קלאַס. די באַשטאַנד־טיילן פון דעם בנין זיינען גאַנץ פאַרשידנאַרטיקע: עס זיינען דאָ אונטערנע־מונגען וואָס געהערן דירעקט דער הסתדרות, ווי למשל: בנק הפועלים, סולל־בונה, און פון דער אַנדער זייט, — אונטערנעמונגען און ווירט־שאַפטן, וואָס זיינען אָרגאַניזירט אויף אַ קאָאָפּעראַטיוון אופן און געפינען זיך אין רשות פון די אַרבעטער, וואָס זיינען אין זיי באַשעפ־טיקט, ווי למשל די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער־ישובים, די פּראָ־דוציר־און טראַנספּאָרט־קאָאָפּעראַטיוון א.אז.וו.

www.libtool.com.cn

די אויפגאַבן פון „חברת העובדים" זיינען:

א) קאָאָרדינירן די פּילזייטיקע ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט אין דער הסתדרות און אַזוי אַרום שאַפן אַ קאָנסאָלי־דירטן אַרבעטער־כוח אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט, לטובת דעם אַרבעטער־כלל און לטובת דעם בנין הארץ.

ב) אויסאיבן אַ שטענדיקן קאָנטראָל אויף די צאָלרייכע ווירטשאַפטלעכע קעמערלאַך פון דער אַרבעטערשאַפט און אויף די פילע ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס פון דער הסתדרות, שטיין אויפן וואַך פון זייער הסתדרותישן כאַראַקטער, אָפּהיטן אַז זיי זאָלן נישט אַראָפּגיין פונם ריכטיקן וועג.

די „חברת העובדים" פאַרקערפּערט אַזוי אַרום דעם געדאַנק, אַז יעדע איינצלנע ווירטשאַפטלעכע קעמערל אין די ראַמען פון דער אַרבעטערשאַפט — דאַרף שטיין אונטערן אויפזיכט פון גאַנצן כלל, פון דעם אַרבעטער־קלאַס, און דינען די אינטערעסן פון כלל. און כדי דידאָזיקע אויפזיכט זאָל האָבן אַ ממשות, איז די חברת העובדים באַשטעטיקט געוואָרן אַלס אַ „יורידישע פּערזאָן". וועגן דער גרינ־דונג פון „חברת העובדים" איז נאָך באַשלאָסן געוואָרן אויף דער צווייטער ועידה פון דער הסתדרות אין 1923. זי איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער רעגירונג אין 1924, אַלס אַן אַלגעמיינע קאָאָפּע־ראַטיווע געזעלשאַפט, און איז יורידיש די „מוטער־געזעלשאַפט" פון אַלע ווירטשאַפטלעכע אַנשטאַלטן פון דער הסתדרות.

די פאַרוואַלטונג פון „חברת העובדים" איז אידענטיש מיטן ועד הפועל פון דער הסתדרות.

www.libtool.com.cn

VI.

# אייגענע אַרבעטער־ווירטשאַפט

## א. אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע

די קרוין פון דער אייגענער אַרבעטער־ווירטשאַפט איז די אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע (ההתישבות העובדת). אין דעם ווערק זיינען געקומען צו בולטסטן אויסדרוק דער שאַפונגס־גייסט און דער חלוצישער אינהאַלט פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג. איר איז געלונגען צו אַנטוויקלען נייע לעבנס־פאָרמען, וואָס האָבן נישט זייער גלייכן אין אַנדערע לענדער, און צו גרינדן ישובים, ווו דער אַרבעטער שטייט אין זיין אייגענער רשות. עס האָבן זיך אויסגעבילדעט אייניקע טיפּן פון אַרבעטער־ישובים: דער מושב און דער מושב שיתופי, די קבוצה און דער קיבוץ. אָבער די אַלע פאַרשידענע טיפּן האָבן געמיינזאַמע פּרינציפּן, וואָס די גאַנצע ההתישבות העובדת ווערט אויף זיי געבויט. די דאָזיקע פּרינציפּן זיינען:

א) נאַציאָנאַלער באָדן. עס הייסט, אַז די ההתישבות העובדת נעגירט דאָס פּריוואַט־אייגנטום אויפן באָדן און אָנערקענט, אַז די ערד דאַרף זיין אַן אַלגעמיין־נאַציאָנאַלער קנין.

ב) אַליין־אַרבעט (עבודה עצמית), דאָס מיינט, אַז אין אַן אַרבעטער־ישוב איז דערלויבט נאָר אייגענע אַרבעט און איז פאַרבאָטן יעדע באַנוצונג פון געדונגענער אַרבעטס־קראַפט.

ג) קעגנזייטיקע הילף. אין אַלע אַרבעטער־ישובים טראָגט דער יחיד אחריות פאַרן כלל און דער כלל זאָרגט פאַרן יחיד און לייסטעט אים הילף אין די פאַרשידענע מאָמענטן פון זיין לעבן. נישט בלויז אין דער קבוצה און קיבוץ, וועלכע זיינען די העכסטע פאַרקערפּערונג פון דעם געדאַנק פון עזרה הדדית, נאָר אויך אין דעם מושב איז דער דאָזיקער פּרינציפּ אַ אָרגאַנישער עלעמענט אין זיין לעבן.

www.libtool.com.cn

דער מושב איז געבויט אויפן יסוד פון דער אינדיווידועלער ווירטשאַפט. יעדער יחיד אין מושב האָט זיין באַזונדער ווירטשאַפט, וועלכע ער באַאַרבעט מיט דער הילף פון זיין משפחה. דער קויף און פאַרקויף אין מושב זיינען אָרגאַניזירט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. אין דעם מושב שיתופי ווערן די עיקר־צווייגן פון דער לאַנד־ווירטשאַפט געפירט אויף אַ קאָלעקטיוון אופן, דער געברויך אָבער איז אַן אינדיווידועלער, יעדע משפחה באַזונדער.

בס״ה עקזיסטירן היינט צו טאָג (אָנהויב 1947) — 60 מושבים, (איינשליסלעך די מושבים שיתופיים), וועלכע ציילן ביי — 8.000 אַרבעטס־מענטשן און אַ באַפעלקערונג פון 15 טויזנט נפשות.

די קבוצה און דער קיבוץ זיינען געבויט אויפן פּרינ־ציפּ פון קאָלעקטיווער ווירטשאַפט און קאָלעקטיוון געברויך. אַלע אָן אויסנאַם צווייגן פון ווירטשאַפט (בעיקר אגריקולטור, אָבער אין אַ רייע קיבוצים און קבוצות אויך אינדוסטרי און טראַנספּאָרט) געהערן צו דעם גאַנצן קאָלעקטיוו, וועלכע זאָרגט פאַר דער באַפרי־דיקונג פון אַלע באַדערפעניש פון זיינע מיטגלידער.

ס״ה עקזיסטירן 111 קיבוצים און קבוצות, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויפן באָדן און בילדן באַזונדערע ישובים. זיי ציילן צוזאַמען קרוב 22 טויזנט אַרבעטס־מענטשן און אַ באַפעלקערונג פון 38 טויזנט נפשות. אויסערדעם עקזיסטירן נאָך 31 קיבוצים און קבוצות, וועלכע האָבן זיך פּאָרלויפיק נישט באַזעצט אויפן באָדן. זיי געפינען זיך אין די מושבות און נעבן די שטעט און ציען זייער חיונה בעיקר פון דער לוין־אַרבעט. זיי ציילן צוזאַמען ביי 3000 אַרבעטער. בס״ה עקזיסטירן אַלזאָ 142 קיבוצים און קבוצות, וואָס ציילן צוזאַמען ביי 25 טויזנט אַרבעטס־מענטשן.

די קיבוצים און קבוצות זיינען פאַראייניקט אין דריי לאַנדעס־פאַרבאַנדן: הקיבוץ המאוחד, הקיבוץ הארצי — „השומר הצעיר", חבר הקבוצות. עס עקזיסטירט אויך אַ פאַרבאַנד פון די קיבוצים פון „העובד הציוני".

www.libtool.com.cn

פרטים וועגן דער קיבוצישער באַוועגונג געפינען מיר אין דער פאָלגענדער טאַבעלע:

| | צאל קיבוצים | צאל חברים | צאל ארבעטער | צאל פון די נפשות |
|---|---|---|---|---|
| 1. הקיבוץ המאוחד | 52 | 9487 | 11866 | 20606 |
| 2. הקיבוץ הארצי „השומר הצעיר" | 45 | 5946 | 7228 | 12201 |
| 3. חבר הקבוצות | 34 | 3399 | 4584 | 7530 |
| 4. ברית הקיבוצים של העובד הציוני | 6 | 482 | 537 | 735 |
| 5. קיבוצים וואָס געהערן נישט צו קיין לאַנד־פאַרבאַנד | 5 | 324 | 378 | 405 |
| ס"ה | 142 | 19638 | 24593 | 41477 |

ב. לאַנדווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס

די הסתדרות האָט באַשאַפן אייניקע אינסטיטוציעס, וואָס זייער אויפגאַבע איז צו דינען די אינטערעסן פון דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן סעקטאָר. דאָס זיינען:

1) „תנובה" — די צענטראַלע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט פאַרן פאַרקויף און איבעראַרבעטונג פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן (מילך, פּוטער, אייער, גרינס, פּרוכטן, האָניק א.א.). אַלע אַרבעטער־ישובים זיינען פאַרפליכטעט צו פאַרקויפן זייערע פּראָ־דוקטן אויסשליסלעך דורך „תנובה". „תנובה" האָט אויפגעשטעלט אַ ריי פאַבריקן אויף צו באַאַרבעטן די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָ־דוקטן. זי דערפילט אַ זייער וויכטיקע אויפגאַבע אין לעבן פון יישוב, אַלס די הויפּט־צושטעלערן פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, און אַלס רעגוליאַטאָר ביי זייער פאַרטיילונג אין פאַרשידענע צייטן (ווי למשל, לעצטנס אין די יאָרן פון דער מלחמה).

2) „מקורות — איז אַ וואַסער־געזעלשאַפט, וואָס איז גע־

www.libtool.com.cn

גרינדעט געוואָרן געמיינזאַם דורך דער הסתדרות און דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. אירע אויפגאַבע איז צושטעלן וואַסער צו די לאַנדווירטשאַפטלעכע יישובים און אויך צו די שטעט. אַ דאַנק „מקורות" האָבן צענדליקער טויזנטער דונאַמען באָדן באַקומען באַוואַסערונג און אַריבער צו אינטענסיווער קולטור. „מקורות" האָט אויך צוגעגרייט וויכטיקע פּראָיעקטן פון באַוואַסערן נייע גרויסע שטחים פון לאַנד.

3) חק״ל (ראשי תיבות: חברה קבלנית לחקלאות) איז אַ געמיינזאַמע אינסטיטוציע פון דער הסתדרות און דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע פאַר אונטערנעמונגס־אַרבעט אין לאַנדווירטשאַפט, בעיקר אין דער פּלאַנטאַציע־ווירטשאַפט אין דער מושבה. חק״ל איז אַ אינסטרומענט אין די הענט פון דער הסתדרות פאַר דער פאַרפעסטיקונג פון דער יידישער אַרבעט אין דער מושבה. ער האָט סניפים אין די גרעסערע מושבות און ער נעמט איבער אויף זיין אַחריות די אויספירונג פון פאַרשידענע אַרבעטן אין די פּרדסים.

4. „יכין" — איז אַ אינסטיטוציע פון דער הסתדרות, וועלכע פאַרנעמט זיך בעיקר מיט צוויי אויפגאַבן: עקספּאָרט פון די ציטרוס־פּרוכט, און דאָס איבעראַרבעטן די פּרוכט (קאָנסערוו־פאַבריקן).

5) „ניר השיתופי" — דאַרף זיין די צענטראַלע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט פאַר דעם גאַנצן לאַנדווירטשאַפטלעכן סעקטאָר, ד. ה. אַ מוטער־געזעלשאַפט פאַר אַלע הסתדרות־קערפּערשאַפטן און אינסטיטוציעס אויפן געביט פון לאַנדווירטשאַפט. „ניר השיתופי" האָט נאָך פאָרלויפיק נישט באַוויזן צו קאָנצענטרירן גרויסע קאַפּיטאַלן. אָבער לעצטנס הויבט זי אָן צו אַנטוויקלען אַ גאַנץ ברייטע טעטיקייט, הויפּטזעכלעך אַלס אַ פאַקטאָר פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער איניציאַטיוו.

### ג. קרעדיט־וועזן און פאַרזיכערונג

אויפן געביט פון קרעדיט־וועזן האָט די הסתדרות געגרינדעט דעם בנק הפועלים (אַרבעטער־באַנק), אַ רייי לייי־און־שפּאָר־קאַסעס

www.libtool.com.cn

(קופות מלוה וחסכון), די געזעלשאַפט „ניר" („ניר החברה") און אויך „ביצור".

די צענטראַלע פינאַנס־אינסטיטוציע פון דער הסתדרות — איז דער בנק הפועלים. ער איז אויך איינער פון די גרעסטע און וויכטיקסטע בענק אין יישוב בכלל. זיין אויפגאַבע איז פינאַנסירן פאַרשידענע קערפּערשאַפטן, אַנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס פון דער אַרבעטערשאַפט, וועלכע נויטיקן זיך אין קרעדיט. באַזונדערס געניסן פון זיינע קרעדיטן די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער־יישובים (קבוצות, קיבוצים, מושבים) און זייערע אינסטיטוציעס, ווי אויך די מוסדות קבלניים (אונטערנעמונגס־אַנשטאַלטן), די צענטראַלע ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און די קאָאָפּעראַטיוון אין דער שטאַט.

דער בנק הפועלים באַדינט די אינטערעסן פון קערפּערשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס — דער יחיד, דער איינצלנער אַרבעטער געניסט פון דער הילף פון די קופות מלוה וחסכון (די ליי־און־שפּאַר־קאַסעס) פון דער הסתדרות. די ליי־און־שפּאַר־קאַסעס זיינען אָרגאַניזידט אַלס קאָאָפּעראַטיוון, ד. ד. זיי געהערן צו זייערע מיטגלידער, וועלכע וויילן אויס אויף אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג די הנהלה פון דער קאַסע און באַשטימען די ריכטליניעס פון איר האַנדלונג.

ביים סוף פון 1946 האָבן עקזיסטירט אין א"י 20 קופות מלוה וחסכון פון דער הסתדרות, וועלכע האָבן געציילט צוזאַמען ביי 31.000 מיטגלידער.

„ניר החברה" איז אַ קרעדיט־אינסטיטוציע בעיקר פאַר די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער־יישובים (קבוצות, קיבוצים און מושבים) און באַפרידיקט זייערע נויטן אין אַ לאַנג־טערמיניקן קרעדיט. דער בנק הפועלים קען נישט געבן אַ לאַנג־טערמיניקע הלוואה, ווייל זיינע קאַפּיטאַלן זיינען בעיקר פקדונות, (דעפּאָזיטן). דאַקעגן די קאַפּיטאַלן פון „ניר החברה" זיינען פון אַקציעס און אָבליגאַציעס, און ער קען געבן אַ לאַנג־טערמיניקע הלוואה, וועלכע איז אַזוי וויכטיק פאַר אַן אַרבעטער־יישוב (פאַר צוועקן פון אינוועס־טיציעס א. א.).

www.libtool.com.cn

„ביצור" איז אַ געמיינזאַמע אינסטיטוציע פון דער הסתדרות און פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן נאָך דעם ווי ס׳איז אויסגעבראָכן דער עקאָנאָמישער קריזיס אין 1936. זיין אויפגאַבע איז געווען צו שאַפן אַרבעט פאַר די אַרבעטסלאָזע, דורך פינאַנסירן עפנטלעכע אַרבעטן, שאָסייען־בוי, בריקן, און לעצטנס — דורך פינאַנסירן הייזער־בוי, באַזונדערס אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן און אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים.

אויפן געביט פון פאַרזיכערונג האָט די הסתדרות געגרינדעט אַ ספּעציעלע אינסטיטוציע „הסנה", וועלכע פאַרנעמט זיך מיט אַלע צווייגן פון פאַרזיכערונג און איז היינט צו טאָג די גרעסטע יידישע פאַרזיכערונג־געזעלשאַפט אין א״י.

### ד. געברויכס־קאָאָפּעראַציע

די געברויכס־קאָאָפּעראַציע אין א״י האָט אַלס איר צענטראַלע דעם „המשביר המרכזי", וועלכער איז איינער פון די גרעסטע הסתדרות־אַנשטאַלטן אין א״י. דער „המשביר המרכזי" איז די צענטראַלע איינקויפס־איסטיטוציע פאַר אַלע אַרבעטער־ישובים און פאַר אַלע קאָנסום־פאַראיינען אין א״י. זיינע קליענטן זענען געווען (אָנהויב 1946): 140 קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן (קבוצות און קבוצים), 102 קאָנסום־פאַריינען (אגודות צרכנים) און פּראָדוקציע־פאַריינען (אגודת יצרנים) אין די מושבים, 40 קאָנסום־פאַראיינען אין די מושבות, 60 קאָנסום־פאַראיינען אין די שטעט, 9 אַרבעטאַרינס־פערמעס (משקי פועלות), 11 לאַנדווירטשאַפטלעכע שולן און פּרווו־סטאַנציעס, 10 קאָאָפּעראַטיווע קיכן, 47 פאַרשידענע אַנשטאַלטן, 12 פאַרשידענע קאָאָפּעראַטיוון — בס״ה 432 קערפּערשאַפטן.

ווי גרויס עס איז דער פאַרנעם פון זיין טעטיקייט, זעען מיר אויסרעכענדיק בלויז די פאַרשידענע אָפּטיילונגען, וואָס עקזיסטירן אין דעם „המשביר":

אָפּטיילונג פאַר באַקאַליי־סחורות; שפּייז פאַר בהמות און עופות; לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען און אינסטרומענטן; מאַ־

www.libtool.com.cn

טעריאַלן פאַר באַוואַסערונג; מאַשינען פאַר אינדוסטריע און אַנדערע צוועקן; טעקסטיל־סחורות און שוכוואַרג; בוי־מאַטעריאַלן; זריעות; כעמיקאַלן; כעמישע מיסט; קיך־געשיר; שרייב־מאַטעריאַלן; ברען־שטאָף און אייל.

דער „המשביר המרכזי" פאַרמאָגט אויך אייגענע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. וואָס אַ טייל פון זיי זיינען בשותפותדיקע מיט אַנדערע הסתדרותישע אַנשטאַלטן אָדער מיט קבוצים. אזוי געהערן צום „המשביר" די גרויסע אייל־ און זייף־פאַבריק „שמן" אין חיפה, די שוך־פאַבריק „מנעל" (אין קבוץ „גבעת השלושה") א. א.

די געברויכס־קאָאָפּעראַציע אין דער שטאָט און אין דער מושבה האָט געמאַכט אין די מלחמה־יאָרן אַ גרויסן פאָרשריט, דאָך האָט זי נאָך ניט באַוויזן ארומצונעמען די מערהייט ארבעטער. נאָר אַ מינדערהייט פון די הסתדרות־מיטגלידער אין דער שטאָט און אין דער מושבה זיינען פאַרלויפיק אָרגאַניזירט אין אגודות צרכניות; אין 1946 יאָר האָבן אַלע געברויכס־קאָאָפּעראַטיוון אין דער שטאָט און מושבה געציילט צוזאַמען בלויז 30 טויזנט מיטגלידער.

ה. פּראָדוציר־ און טראַנספּאָרט קאָאָפּעראַציע

דער „מרכז הקואופרציה למלאכה, חרושת ושירותים צבוריים" אָדער ווי ער רופט זיך קורץ: דער „מרכז הקואופרציה" — איז די הסתדרות־צענטראַלע פאַר די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון און טראַנספּאָרט־קאָאָפּעראַטיוון.

פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון עקזיסטירן אין אַ רייע פאַכן, ווי למשל: מעטאַל־באַאַרבעטונג, עלעקטרישע אינסטאַלאַציע, בוי־מאַטעריאַלן און באַוואַסערונג־מאַטעריאַלן, בעקעריי, טעקסטיל און שוכוואַרג, וועבעריי, דרוקעריי א. א.

באַזונדערס אָבער האָט זיך אַנטוויקלט אין א"י די קאָאָפּעראַציע אויפן געביט פון טראַנספּאָרט. אין דער ברייטער וועלט געפינט זיך די קאָמוניקאַציע צווישן די שטעט און אין די שטעט גופא — אין די הענט פון דער רעגירונג, אָדער מוניציפּאַליטעטן, אָדער גרויסע

www.libtool.com.cn

קאַפּיטאַליסטישע חברות. אין א״י דאַקעגן איז כמעט דער גאַנצער מענטשען־טראַנספּאָרט אין יידישן סעקטאָר פון לאַנד אָרגאַניזירט אין הסתדרותישע קאָאָפּעראַטיוון. אָט די „יידישע באַן״ האָט אַ זייער גרויסע באַדייטונג פאַרן עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פון דעם יידישן יישוב, וואָס עס ווערט נאָך מער בולט אין אומרואיקע צייטן.

בס״ה האָבן עקזיסטירט אין א״י אין 1946 יאָר 9 קאָאָפּעראַטיוון פון פּאַסאַזשירן־טראַנספּאָרט מיט 1300 מיטגלידער און 11 קאָאָפּעראַטיוון אויף צו פירן משאות מיט 335 מיטגלידער. די אַלגעמיינע צאָל הסתדרותישע קאָאָפּעראַטיוון אויפן געביט פון פּראָדוקציע, טראַנספּאָרט און באַדינונג (ווי למשל, קאָאָפּעראַטיווע קיכן), האָט דערגרייכט אין 1947 יאָר — 110 מיט קרוב 3500 מיטגלידער.

### ו. הסתדרותישע בוי־אונטערנעמונג

„סולל בונה״, די הסתדרותישע בוי־אונטערנעמונג איז איינע פון די עלטסטע אינסטיטוציעס, וועלכע האָט גאָר גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער אַרבעטערשאַפט. אַ דאַנק איר זיינען אין די יאָרן פון דער דריטער עליה אויסגעבילדעט געוואָרן קאַדרען פון קוואַליפיצירטע יידישע בוי־אַרבעטער און ביים היינטיקן טאָג ווערן אַלע פאַרשידענע בוי־אַרבעטן, פון די פּשוטע ביז די סאַמע קאָמפּליצירטע, אויסגעפירט דורך יידישע הענט. „סולל בונה״ האָט במשך פון די מלחמה־יאָרן אויסגעפירט גרויסע קאָנטראַקטן פאַר בוי־אַרבעט. ווי בויען לופט־פעלדער, מיליטערישע קעמפּן א. א., ניט בלויז אין א״י נאָר אויפן גאַנצן נאָענטן מזרח.

„סולל בונה״ פאַרמאָגט אַ רייי אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען: „פעניציע״, אַ גלאָז־פאַבריק, „וואָלקאַן״, אַ גוס־פאַבריק, „המגפר״, אַ פאַבריק פאַר גומי־אויסאַרבעטונגען (צוזאַמען מיט „המשביר״), „חרסה״, אַ קעראַמיק־פאַבריק, „נשר״, אַ צעמענט־פאַבריק, ווי אויך שטיין און קאַלך־אונטערנעמונגען א. א., און איז ביים היינטיקן טאָג דער גרעסטער הסתדרותישער פאַקטאָר אויפן געביט פון אינדוסטריע, צוגלייך מיט דער קבוצישער באַוועגונג, וועלכע האָט אַנטוויקלט אַ גאָר וויכטיקע טעטיקייט אויפן געביט פון דער אינדוסטריע.

www.libtool.com.cn

ז. „שיכון"

די הסתדרות זאָרגט אויך פאַר דער וווינונגס־נויט פון די אַרבעטס־מאַסן. אין אַנדערע לענדער זאָרגן פאַר דעם בעיקר די רעגירונגען אין די זעלבסט־פאַרוואַלטונגען, אין א"י איז די אַרבעטער־שאַפט געצוווּנגען צו לינדערן די וווינונגס־נויט פון די אַרבעטער מיט די אייגענע כוחות, דורך דער קאָאָפּעראַטיווער אָרגאַניזירונג.

„שיכון" — איז אַ הסתדרותישע געזעלשאַפט, וואָס איז באַרופן צו פאַרנעמען זיך מיט אָט דעם פּראָבלעם. זי בויט קאָאָפּעראַ־טיווע הייזער (מעונות עובדים) און אַרבעטער־קוואַרטאַלן (שכונות פועלים אָדער שכונות עובדים) ביי די שטעט. די גרונד־פּרינציפּן פון איר טעטיקייט זיינען: 1) נאַציאָנאַלער באָדן, 2) קאָאָפּעראַטיווער אייגנטום פון די הייזער, עס מיינט: ניט פּריוואַטער באָדן און ניט פּריוואַטע הייזער, נאָר באָדן, וואָס זאָל געהערן צו קרן הקיימת און הייזער, וואָס זאָלן געהערן צו דעם קאָאָפּעראַטיוו אַלס כלל.

ביז איצט האָט „שיכון" באַוויזן צו שאַפן ביי 6000 דירות און קאָנצענטרירן אין איר רשות באָדן פאַר נייע 15—16 טויזנט דירות אין די שטעט און מושבות.

www.libtool.com.cn

VII

# קולטור און דערציאונג

ציוניזם באַטייט — די יידישע רעוואָלוציע, דאָס שטרעבן צו ענדערן די יידישע ווירקלעכקייט און שאַפן אַ ניי לעבן. דער יידישער אַרבעטער האָט באוויזן ווונדער אין א״י און האָט געשאַפן אַ גרויסן חלוצישן ווערק, ווייל ער איז געווען אָנגעלאָדן מיט אַ גרויסן אידעאישן און קולטורעלן אינהאַלט. גיין קעגן דעם גלותדיקן שטראָם, איבערברעכן זיך און איבערגיין צו אַ נייעם לעבן, פאָדערט גייסטיקע כוחות, פאָדערט אַ געהעריקע אידעאישע און קולטורעלע פאָרבאַ־רייטונג.

האָט טאַקע די אַרבעטער־באַוועגונג אין א״י, פון אירע ערשטע טעג אָן, פאַרשטאַנען די גרויסע באַדייטונג פון דער קולטור און דערציאונג אין אונזער נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן קאַמף, אין אונזער שטרעבונג צו דערהויבן דעם מענטש און שאַפן אַ נייע יידישע געזעלשאַפט. איז טאַקע די אַרבעטער־באַוועגונג געווען די פיאָנערין און פאָרקעמפערין פאַר איינוואָרצלען די העברעאישע שפראַך, וואָס איז די איינציקע פעאיק צונויפשמעלצן אין איין קולטורעלע איינהייט די יידן וואָס קומען קיין א״י פון פאַרשידענע עקן וועלט און רעדן אויף שבעים לשונות. די הסתדרות האָט אויפגעשטעלט אַ גאַר ברייטע נעץ פון קולטור־אינסטיטוציעס און האָט אויך אויפגעבויט אַ זעלבסשטענדיקן שול־וועזן.

מרכז לחינוך — הייסט דער אַנשטאַלט וועלכער פירט אָן מיט דעם ערציונגס־וועזן פון דער הסתדרות. אָט דאָס ערציונגס־וועזן נעמט אַרום אַלע שטופן פון דערציונג, אָנהויבנדיק פון אַ קינדער־גאָרטן און ביז אַ מיטלשול און אַ לערער־סעמינאַר. דער געדאַנק איז: דערציען דעם יינגן דור אין גייסט פון אַרבעטנדן א״י, אין ליבע צו די ווערטן פון דער א״י־דיקער אַרבעטערשאַפט, צו אירע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעאַלן.

www.libtool.com.cn

דער „מרכז לתרבות״ — איז די צענטראַלע פאַר דער קולטור־אַרבעט וועלכע עקזיסטירט אַלח [illegible] ביים ועד הפועל פון הסתדרות. זי אָרגאַניזירט פי [illegible] קינסטלערישע אונטערנע־מונגען, ביבליאָטעקן, פאַרשי [illegible] ורסן אַ.אַז.וו.

די מחלקת הסברה — איז יענע אָפּטיילונג אין דעם ועד הפועל, וועלכע פאַרנעמט זיך ספּעציעל מיט דער אויפקלערונג פון די הסתדרותישע פּראָבלעמען און מיט דער ערציאונג פון די ברייטערע שיכטן פון די חברים אין הסתדרותישן גייסט. פון די גרעסערע אויפטוען פון דער מחלקת הסברה איז צו פאַרצייכנען — די גרינדונג פון דעם „בית־ספר לפעילי ההסתדרות״, אַ שולע וועלכע דאַרף פאַרבאַרייטן קאַדרען פון געשולטע אַקטיווע טוער אין דער הסתדרות.

המחלקה לעברית ביי דעם ועד הפועל זאָרגט פאַר ערלערנען עברית די אַלע חברים פון דער הסתדרות, וואָס נויטיקן זיך אין דעם.

המחלקה להכשרה מקצועית זאָרגט פאַר דער פאַכלעכער אויסבילדונג. צו דעם צוועק האָט די הסתדרות אויפגעשטעלט אַ רייע פאַך־שולן (ווי, למשל, די שולע אויפן נאָמען פון מאַקס פיין אין תל־אביב א.א.).

„דבר״ — די טאָג־צייטונג פון דער הסתדרות, איז אַ גאָר־וויכטיקער אינסטרומענט אין די הענט פון דער אַרבעטערשאַפט אויף אַ רייע געביטן און אויך אויפן קולטורעלן געביט. מען דאַרף אויך פאַרצייכנען זיינע אָפּצווייגונגען: „דבר הפועלת״ (צייטונג פון דער מועצת הפועלות), „דבר לילדים״, המשק השיתופי (אַ צייטונג פאַר די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון דער הסתדרות), „הגה״, אַ טאָג־צייטונג מיט נקודות, כדי צו פאַרלייכטערן דאָס לעזן עברית פאַר די נייע עולים, „דבר השבוע״ — אַ וועכנטלעכע אילוסטרירטע אויסגאַבע.

עם עובד — איז אַ צענטראַלער ביכער־פאַרלאַג פון דער הסתדרות.

www.libtool.com.cn

„א ה ל" — איז דער אַרבעטער־טעאַטער, וועלכער איז אויפ־
געשטעלט געוואָרן אין 1925 יאָר און האָט זיך במשך פון די יאָרן
שיין אַנטוויקלט און איינגעוואָרצלט אין דעם א"י־דיקן לעבן.

דאָס זיינען אַלץ צענטראַלע קולטור־אַנשטאַלטן; מיט דעם
אָבער ווערט נישט אויסגעשעפּט די קולטור־אַרבעט פון דער הסתדרות.
פיל אינסטיטוציעס, אָרגאַניזאַציעס און קערפּערשאַפטן אינערהאַלב
דער הסתדרות אַנטוויקלען אַ ברייטע קולטור־טעטיקייט, ווי למשל,
די מועצת הפועלות, דער הנוער העובד, די הסתדרות הפקידים, די
קיבוצישע לאַנד־פאַרבאַנדן, (הקיבוץ המאוחד, הקיבוץ הארצי השומר
הצעיר, חבר הקבוצות), די תנועת המושבים.

לאָמיר אויך פאַרצייכנען די אַראַבישע צייטונג פון דער
הסתדרות „חקיקאת־אל־אומר", וועלכע פירט אַ אויפקלערונגס־אַרבעט
צווישן די אַראַבישע אַרבעטער, ווי אויך די פאַרשידענע פעריאָדישע
אויסגאַבן איבער פראָפעסיאָנעלע און אַנדערע ספּעציעלע פּראָבלעמען
(ווי למשל, „השדה" פון דעם המרכז החקלאי, די אויסגאַבן פון
המרכז לחינוך איבער פּעדאַגאָגישע און קולטור־פּראָבלעמען א.א.).

www.libtool.com.cn

### אט אזוי איז געוואקסן די הסתדרות:

| אָנהויב יאָר | צאָל מיטגלידער |
| --- | --- |
| 1921 | 4.433 |
| 1925 | 10.085 |
| 1931 | 30.060 |
| 1933 | 35.000 |
| 1935 | 67.000 |
| 1936 | 87.000 |
| 1939 | 108.000 |
| 1940 | 117.000 |
| 1943 | 133.000 |
| 1944 | 138.500 |
| 1945 | 151.860 |
| 1946 | 163.500 |
| 1947 | 171.160 |

די צאָלן נעמען אַרום אַלע אַרבעטער און אַרבעטערינס, ווי אויך די פרויען פון די אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט ביי זיך אין דער היים, און אויך מיטגלידער פון הנוער העובד-וואָס אַרבעטן.

www.libtool.com.cn

## פאַרטיילונג פון דער הסתדרות־מיטגלידערשאַפט לויט שטאָט און דאָרף:

(אָנהויב 1947)

| | |
|---|---|
| 1. גרויסע שטעט: | |
| תל־אביב און רמת־גן | 53.792 |
| חיפה | 30.602 |
| ירושלים | 14.823 |
| | 99.217 |
| קליינע שטעט און אינדוסטריעלע פונקטן | |
| (טבריה, צפת, עפולה, נשר, ים המלח | |
| צפון,סדום, נהריים, עתלית א. א.) | 4.846 |
| 3. לאַנדווירטשאַפטלעכער סעקטאָר: | |
| מושבות | 30.910 |
| קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן | |
| (קבוצות און קבוצים) | 21.784 |
| מושבי עובדים | 7.629 |
| | 60.323 |
| אַלגעמיינער סך־הכל | 164.386 |

די אויבנדערמאָנטע צאָלן נעמען אַרום בלויז די מיטגלידער פון דער הסתדרות (און די מיטגלידער פון הנוער העובד וואָס אַרבעטן).

www.libtool.com.cn

## דער פראפעסיאנעלער באשטאנד פון דער הסתדרות־מיטגלידערשאפט:

(אנהויב יאר 1947)

| | | |
|---|---|---|
| .1 | אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע | 23,1 |
| .2 | לאַנדווירטשאַפטלעכע לוין־אַרבעטער | 3,1 |
| .3 | אַרבעטער אין מושבות, וואָס האָבן אַן אייגענע ווירטשאַפט | 1,0 |
| .4 | אינדוסטרי און מלאכה | 26,4 |
| .5 | בוי און עפנטלעכע אַרבעטן | 10,6 |
| .6 | טראַנספאָרט | 5,2 |
| .7 | באַאַמטע און אָנגעשטעלטע | 12,4 |
| .8 | פרייע פראָפעסיעס | 6,3 |
| .9 | באדינונגס־ארבעטן | 6,3 |
| .10 | זיכערהייטס־אַמטן | 3,1 |
| .11 | פאַרשידענע | 2,5 |
| | | 100,0 |

www.libtool.com.cn

## אינהאלט:


דאָס וועזן פון דער הסתדרות . . . . . . . . 5
ווי אַזוי איז די הסתדרות געשאַפן געוואָרן ? . . . . 10
ווי אַזוי איז די הסתדרות געבויט ? . . . . . . 33
קעגנזייטיקע הילף . . . . . . . . . . 41
„חברת העובדים" . . . . . . . . . . . 46
אייגענע אַרבעטער־ווירטשאַפט . . . . . . . . 48
קולטור און דערציאונג . . . . . . . . . 57
אַביסל סטאַטיסטיק . . . . . . . . . . . 60

www.libtool.com.cn